STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04991

# EGIPTEN

Jacob Dineson

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. דינעזאהן.

# עגיפטען

(דאס לאנד)

[library stamp]

HEBREW PUBLISHING COMPANY,
83-85-87 Canal Street, New York.
1909.

# עגיפּטען (Ägypten)

## (דאָס לאַנד).

**ווענן די** אֶלטעסטע לאֶנדער זיינען נאָך ניט בּעוואָהנטע לעדיגע געגענדען געוועזען, ווענן יענע פֿאֶלקער, וואָס האָבּען זיי שפּאֶטער פֿאַר לאֶנדער געמאַכט, האָבּען זיך נאָך מיט זייערע הערדען, אין איינצעלנע פֿאַמיליען, אָדער אין קליינע שְׁבָטִים, פֿון אָרט צו אָרט אומגעטריבּען, איז שוין מִצְרַיִם לאַנג אַ לאַנד געוועזען און דאָס פֿאָלק, וואָס האָט געוואָהנט אין איהם, האָט שוין אַזוי פֿיעל בּילדונג געהאַט צו קאָנען בּויען אַזעלכע פּאַלאַסטען, טעמפּעל און מאָנומענטען, וואָס פֿיעל פֿון זיי האַלטען זיך נאָך איצט און זיינען אַ וואונדער פֿאַר יעדעם, וואָס זעהט זיי.

מִצְרַיִם, זאָגען די געשיכטע שרייבּער, איז אַ אונגעהייער גרויסע אַלטע בּיבּליאָ־טעקאַ, וואָס יעדעס בּוך אין איהר איז אַ טעמפּעל, אַ פּאַלאַסט און אַ פּיראַמידע*), און זיי דערצאֶהלען געשיכטען פֿון מענשען און צייטען פֿון פֿיעל טויזענדער יאָהרען, און זאָגען עֵדוּת אויף אַלץ, וואָס מענשען האָבּען אַ מאָל געקאָנט און האָבּען געשאַפֿען אין דער וועלט.

שוין אין יענער אַלטער צייט, ווענן אַבְרָהָם אָבִינוּ איז, אין אַ הונגער יאָהר, געצוואונגען געוועזען אַרויס צו געהן פֿונ׳ם לאַנד כְּנַעַן און איז אין מִצְרַיִם געקומען, האָט ער שוין דאָרט געפֿונען אַ אַלט פֿאָלק, וואָס האָט שוין לאַנג קאַנאַלען געגראָבּען און פּיראַמידען אויסגעבּויט, און קוקענדיג אויף זיי, האָט ער זיך אֶפְשַׁר ניט ווייניגער געוואונדערט, ווי עס וואונדערט זיך נאָך איצט יעדער רייזענדער, וואָס פֿאָהרט אָפּט טויזענדער מיילען וויים, עקסטראָ זיי צו זעהן.

מצרים, איז דער וועלט בּעקאַנט ניט נור צו ליעבּ דעם, וואָס יוֹסֵף איז דאָרט מִשְׁנֶה לַמֶּלֶךְ געוועזען און וואָס פֿון זיבּציג נְפָשׁוֹת איז אין איהם אויסגעוואַכסען דאָס אייבּיגע פֿאָלק יִשְׂרָאֵל, דורך דעם גאָטטליכען משֶׁה׳ן וואָס איז דאָרט געבּוירען, אָבּער עס איז נאָך פֿריער און שפּאֶטער וויים אַרום בּעריהמט געוועזען פֿאַר די קאָרענ־קאַממער פֿאַר דער גאַנצער אַלטער וועלט, און פֿון נאָהענט און וויים פֿלעגט מען

---

*) וועגען די פּיראַמידען וועט וויימער דערצאֶהלט ווערן.

קומען קויפֿען תְּבוּאָה און ברויט, ווענן אין אַנדערע לאָנדער האָט מען נאָך אֶפְשַׁר ניט געאַקערט און נאָך ניט געזאָעט.

ביי אַללעם דעם איז מִצְרַיִם אַ גאַנץ קליין לאַנד געוועזן, ווענן מען זאָלל עס פֿערגלייכען מיט דער גרויס פֿון איצטיגע לאָנדער. אין גאַנצען אַ שמאָלער פּאַס ערד, איינגעשפּאַרט צווישען בערג און וויסטען, וואָס רינגלען עס אַרום כִּמְעַט פֿון אַללע זייטען. עס ליעגט אין דעם נאָרד-אָסטליכען (צְפוֹנִית מִזְרָחִית) ברעג פֿון אַפֿריקאַ. הייבט זיך אָן אין צָפוֹן זייט פֿון די ברעגען מיטעל מעער (יַם-הַתִּיכוֹן) און ציהט זיך אין אַ לענג אַ עֶרֶך פֿון 500 ווערסט האָבער אַרויף צו דָרוֹם זייט. די לעצטע גרעניץ אין דָרוֹם איז נעבען דעם לעצטען ניל קאַטאַראַקט (וואַססער פֿאַלל אָדער פּאָראָג), וואָס דער גרויסער טייך ניל, אָדער נִילוּס (יְאוֹר) האָט אין זיין לאַנגען גאַנג, פֿון דרום ביז מצרים, מעהרערע אַזעלכע.

פֿון דעם לעצטען ניל-קאַטאַראַקט הייבט זיך אָן אַ שמאָל פֿלאַך-לאַנד, וואָס דער טייך ניל צושניידט עס אין צוויי העלפֿטען. אין דער גאַנצער לענג בעגלייטען דאָ דעם ניל, אין מִזְרָח און מַעֲרָב, צוויי לאַנגע הויכע בערג ניט וויט איינער פֿון דעם אַנדערן אַזוי, אַז די גאַנצע ברייט פֿון מצרים אין די געגענדען, וואָס רופֿען זיך: „אָבער עגיפּטען" און „מיטעל עגיפּטען" איז ניט מעהר ווי 2 ביז 3 מייל.

מיט צוואַנציג מייל אַ עֶרֶך עהדער דער ניל פֿאַלט אַריין אין ים-התיכון, וואָס איז אין צפון זייט, געהען זיך די בערג פֿאַנאַנדער מעהר צו מזרח און צו מערב. דאָס לאַנד הייבט אָן, וואָס נידריגער אַלץ ברייטער צו ווערן, ביז עס ווערט ווי אַ דריי-עק, וואָס צוליעב דעם האָבען די גריכען די געגענד אַ נאָמען געגעבען: „דעלטאַ", ווי זיי רופֿען אָן זייער דריי קאַנטיגען דַלֶת Δ.

אין דער דעלטאַ געגענד צוטהיילט זיך דער ניל אין דריי בעזונדערע טייכען, איינער ציהט זיך אין מזרחית צפונית און הייסט: „פּעלוזישר ניל"; דער אַנדערער ציהט זיך אין מערבית צפונית און הייסט: „קאַנאָפּישער ניל"; דער דריטער געהט אין רעכטען מיטען און הייסט: דער „זעבעניטישער ניל"; אַללע דריי טייכען פֿאַללען, אין פֿערשידענע אָרטער, אין יַם אַריין.

די גאַנצע דעלטאַ געגענד, צווישען די טייכען, שניידען ווידער דורך פֿיעל קאַנאַלען, וועלכע די קאָניגע פֿון מצרים האָבען, אין פֿערשידענע צייטען, געלאָזט גראָבען, צו פֿערבעסערן דורך דעם דאָס לאַנד און צו פֿערגרינגערן דאָס איבערפֿיהרען די פֿיעל שווערע שטיינער, וואָס זיי האָבען געברויכט צו מויערן זייערע פּאַלאַסטען, פּיראַמידען און טעמפּעל.

דער לאַנגער באַרג, וואָס ציהט זיך פֿון דָרוֹם ביז צפון פֿון מזרח זייט לאַנד טהיילט אָב מצרים פֿון דער אַראַבישער וויסטע (מִדְבַּר עֲרָב), וואָס ליגט צווישען

מצרים אונ דעם ים־סוף; אונ דער בארג, וואס ציהט זיך צו מערב זייט, פערשטעלט עם פון דער גרויסער זאמדיגער ליבישער וויסטע (מדבר לוב).

דאס קלימאט אין מצרים איז הייס אונ טרוקען. אין אונטער עגיפטען, בעזאנדערס, אין דער דעלטא געגענד, טרעפט נאך איינמאל אין יאהר א קליין רעגענדעל. אין אבער עגיפטען רעגענט זיך, דורכשניטליך, איין רעגען אויף אללע צעהן יאהר, פונדעסטוועגען איז די לופט גוט אונ געזונד אונ די טרוקענקייט שאדט ניט אפילו צו דער גערעטהענקייט פון די פיעל תבואה, וואס דאס לאנד גיט פון זיך ארוים.

גאנצע 10 מאנאט, פון יוני ביז אפריל, הערשט אין מצרים א צפון ווינד, וועלכער קומט פון מיטעל מעער, קיהלט אב די הייסע לופט אונ דערפרישט אלץ וואס לעבט אונ וואכסט אין לאנד. נור אין די 2 מאנאטע, אפריל אונ מאי, הערשט דא דער הייסער טרוקענער דרום ווינד, וועלכער טריקענט אויס אללע געוויכסע אונ פערדעקט אלץ מיט זאמד אונ שטויב, וואס ער טראגט אן פון די וויסטען ארום. גרויסע שאדען אבער קאנן דער מדבר־ווינד אויך ניט אנטהון, ווייל די בערג פערשטעלן דאס לאנד פון זיין פערדארבענדער מאכט, אונ אין די גאנצע 2 מאנאט, רעגענט מען נור 10 טאג, וואס אין זיי איז די לופט צוטרוקען, דער שטויב אונ היטץ שווער צו דער טראגען; איבריגענס זיינען די איינוואהנער דערמיט געוואהנט אונ די פערמאגליכע פון זיי האבען שוין גרייטע צימערן אין די קעהלער וואו איבער צו ליידען די טרוקענע צייט.

וואלדער זיינען אין גאנצען לאנד נישטא, אויסער געפלאנצטע גארטנער אונ פארקען, בעגענט מען פון דעסטוועגען אפט גרופען פון פאלמען אונ אקאציען בוימער. אין אלטע צייטען האבען זיך, פונדעסטוועגען דא געפונען, פיעל חיות, ווי לייבען, טיגערן אונ ריעזען־שלאנגען, בעזונדערס איז דער ניל פול געוועזן מיט קראקאדילען אונ היפפאפאטאמען. אין דער לעצטער צייט זיינען אזעלכע חיות מעהר נישטא, קראקאדילען אונ היפפאפאטאמען געפינען זיך נאך אין ניל אין וויטען דרום אין מיטען אפריקא.

די אלטע מצרים האבען זייער לאנד אנגערופען: „קעמט", דאס שווארצע. געווים איבער דעם שווארצען פאלק, וואס האט פריהער פאר זיי אין לאנד געוואהנט, אונ אפשר צו ליעב דעם, וואס אין פערגלייך מיט די זאמדיגע וויסטען ארום, איז דאס לאנד א שווארצער פאס ערד געוועזן אין מיטען בלענדענדען מדבר. די גריכען רופען דאס לאנד: „עגיפטען" צוליעב דעם נאמען „אגיפטאס", ווי זייער משורר האמער האט דעם טייך ניל אין זיינע צייטען אנגערופען. די בני־ישראל האבען דאס לאנד אנגערופען: מצרים, צוליעב דאס פאלק, וואס שטאמט ארוים פון מצרים, חם בן־נח'ס זוהן. אונ אפשר טאקי צוליעב דעם, וואס דאס גאנצע לאנד איז

אַזוי שמאָל אונ ענג צווישען די צוויי לאַנגע בערג, ווי עס בעדייט דאָס העברייאָש וואָרט: מֵצַר, ענגשאַפֿט, שמאָלקייט.

## דער ניל, אָדער נילוס (יְאוֹר מִצְרַיִם).

עס פֿערשטעהט זיך, אַז אונטער אַזאַ הייסען קלימאַט אונ נאָך צווישען גרויסע זאַמדיגע וויסטען, וואָלט דאָס לאַנד נור אַ וויסטע געוועזן, ווענן עס זאָלל ניט האָבען אַזאַ טייך די ערד אָנצוטרינקען אונ פֿרוכטבאַר צו מאַכען. דאַריבער זאָגט טאַקי דער גריכישער געשיכטע-שרייבער הערָאדאָט, וועלכער איז אַלליין מעהר ווי מיט 2,300 יאָהר צוריק אין לאַנד געוועזן אונ די געשיכטע פֿון מִצְרַיִם בעשריבען, אַז גאַנץ עגיפּטען איז ניט מעהר ווי אַ געשענק פֿונ'ם ניל. ד. ה.: דער ניל האָט אַ פּאַס פֿון דער וויסטע אָבגעריסען, האָט עס פֿרוכטבאַר געמאַכט אונ דעם מענשען אַ מַתָּנָה געשענקט.

דער ניל בעשטעהט פֿון צוויי טייכען: פֿון ווייסען- אונ פֿון בלאָען-ניל. דער ווייסער-ניל פֿליסט אַרויס פֿון דעם גרויסען וואַסער-בעקען (אָזעראָ), אין וויטען דָרום אַפֿריקאַ אונ פֿליסט אַלץ נידריגער אַראָב צו צָפוֹן זייט. דער בלאָער-ניל, הייבט זיך אָן אין דער אַבעסינישער אַלפּען געגענד, פֿליסט אין מִזְרָח אַפֿריקאַ ביז ער בעגעגענט זיך מיט'ן ווייסען-ניל נעבען דער שטאָדט חאַרטום, אין מיטען אַפֿריקאַ. פֿון דאַנען אָן ווערט פֿון דיביידע איין גרויסער טייך, וואָס פֿליסט פֿון האָבערע געגענדען אַלץ אין נידריגערע אַראָב, וואָס דערפֿאַר האָט ער אַזוי פֿיעל וואַסער פֿאַללען אונ פּאַראַגען, וואָס זיינען בעקאַנט מיט דעם נאָמען „ניל-קאַטאַראַקטען". ניט וויט פֿון אַזאַ וואַסער-פֿאַלל, וואָס ער איז שוין דער לעצטער אין זיין לאַנגען וועג, געפֿינען זיך אין מיטען ניל צוויי גרויסע אינזלען, פֿהילאַ אונ עלעפֿאַנטינע, אויף זיי זיינען געבויט די ערסטע צוויי עגיפּטישע שטאָדט מיט דעם זעלבען נאָמען פֿון די אינזעל. פֿון דעם געגענד אָן הייבט זיך אָן דער טהייל לאַנד, וואָס רופֿט זיך אין דער עגיפּטישער געשיכטע: „אָבער עגיפּטען". פֿון דער געוועזענער הויפּטשטאָדט, טהעבען (נאֹ אָמון), וואָס איז אַ עֶרֶך אין מיטען לאַנד, הייבט זיך אָן די געגענד, וואָס רופֿט זיך: „מיטעל עגיפּטען"; ניט וויט פֿון דער דעלטאַ געגענד, מיט דער דעלטאַ צוזאַמען ביז'ן ברעג יַם-הַתִּיכוֹן, הייסט: „אונטער עגיפּטען".

פֿון אָנהייב אָן, ביז דער ניל פֿאַללט אַריין אין ים, געהט ער דורך אַ לענג פֿון מעהר ווי 6,600 קילאָמעטער.

„וויל מען אַ בעגריף האָבען ווי וואָלט עגיפּטען אויסגעזעהן, ווענן עס זאָלל ניט האָבען אַזאַ וואונדערליכען טייך ווי דער ניל, שרייבט דער פֿראַנצויזישער געלעהרטער

מאַספּערא, זאָלל מען זיין אין עגיפּטען אין איינעם פֿון יענע 10 טעג, ווענן אַנשטאָט דעם שטאָנדיגען קיהלענדען צָפון ווינד, הערשט דאָ, דער הייסער זאַמדיגער דָרום ווינד, וואָס די איינוואָהנער פֿונ'ם לאַנד רופֿען איהם: „חאַמזין". אַלץ וואָס איך האָב אין אַזאַ טאָג דאָ געזעהן איז געוועזן טרוקען, טוידט אונ מיט שטויב פֿערדעקט. די פּאַלמען, אַקאַציען ווי די גרויסע זומפּיגע פּאַפּירוס־בלעטער זיינען אַזוי דיק פֿער־שטויבט אונ איינגעהילט געוועזן אין שטויב אונ זאַמד, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי זיינען נור קינסטליכע בוימער אונ בלעטער פֿון שטיין אָדער לעהם געמאַכט. קיין לעבען, קיין גרינס ווי אין אַ פֿערשטיינערטער געגענד. זעלבסט דער מאָכטיגער ניל איז ווי איינגעשלאָפֿען געלעגען אין זיין לאַנגער ברייטער בעט, ווי אַ פֿער־שטיינערטער ריעז, וואָס גיט זיך מיט קיין אֵבֶר קיין ריהר ניט. עס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, ער איז פֿערגליווערט געוואָרן אונטער דעם געלען מאַטען שטויב, וואָס דער ווינד האָט אויף איהם אָנגעטראָגען אונ ער וועט שוין אַזוי אייביג פֿערשלאָפֿען אונ פֿערכּשֻׁפֿט בלייבען, ביז די אייביג ברענענדע שטראַהלען פֿון דער הייסער אַפֿריקאַנישער זונן, וועלן זיין לעצטען טראָפּען וואַסער אויסזויגען. נור אָט האָט זיך דורכגעטראָגען אַ קיהל צפון ווינדעל, ווי אַ שָׁלִיחַ וואָס ברענגט פֿרישקייט אונ לעבען. קיהל איז געוואָרן די לופֿט, פֿריי דער אָטהעם, דער פֿערשלאָפֿענער ריעז האָט זיך אויפֿגעחאַפּט אונ צו קנייצען אָנגעהייבען זיין, ביז איצט גלאַטע פֿערגליווערטע, אָבער־פֿלאַכע. דאָס אָנקומענדע וואַסער פֿון אויבען האָט איהם אַ שטויס געגעבען, איהם אויפֿגעוועקט אונ מיט נייע כּחות לאָזט ער זיך געהן שטאָלץ אין זיין וויטערן וועג. צו נאַכט איז דער צפון ווינד שטאַרקער געוואָרן אונ מיט גערויש אונ געפּילדער גע־פֿייפֿט אונ געקלאַפּט אין פֿענסטער אונ טהירען; קיינער דערשרעקט זיך ניט, מען פֿרעהט זיך, אַדְרַבָּה, וואָס שטאַרקער ער ווערט. געהט מען אין פֿריה מאָרגען, נאָך אַזאַ שטורמנאַכט פֿון שטוב אַרויס, דערקענט מען דאָס נעכטיגע עגיפּטען ניט מעהר. אַלץ וואָס איז נעכטען מיט שטויב אונ זאַמד פֿערדעקט געוועזן, איז היינט ריין אונ ציכטיג. ווידער גרין אונ פֿריש זיינען בוימער אונ בלעטער, אַלץ לעבט, אַלץ אָטהעמט פֿריי אונ ציהט פֿריש לעבען אין זיך. דאָס אַלץ האָט דער צפון ווינד פֿאַר איין נאַכט אָבגעטהון, וואָס מילליאָנען האָנד וואָלטען ניט אָבגעטהון יאָהרען לאַנג. אויך דער ניל איז ווי אָנגעפֿיהלט געוואָרן אונ אַיילט זיך עפּיס, וואָס גיכער אַהין צו קומען וואָהין ער געהט. פֿון קאַירא, דאָרט וואו דער ניל מאָסער געפֿינט זיך, קומט אָן די פֿראָהליכע יְדִיעָה: „דער ניל האָט געשטיגען דריי צאָהל". דאָס איז שוין גענוג, אַז דאָס גאַנצע פֿאָלק זאָלל אויפֿלעבען אונ מיט פֿראָהליכע געזינ־גער אונ לוסטיגע ליעדער זיך נעהמען צוגרייטען צום גרויסען יום טוב, וואָס דאַרף באַלד אָנקומען. ווער עס האָט נור האָנד נעהמט זיך צו דער אַרבייט: צוזאַמען צו נעהמען אַלץ, וואָס דאָס וואַסער קאָנן פֿערדאַרבען, אָדער אַ וועקטראָגען. חוץ דעם

גרייט זיך יעדער אָן וואַסער אויף עטליכע טאָג, גלייך איך ווי מען וואָלט מורא האָבן, עס וועט אין ניל וואַסער פֿערפֿעהלן אויף אַ טרונק צו טהון. איך האָב זיך אויף די אַרבייט געוואונדערט, נור איך האָב מיך פֿערלאָזען אויף די עגיפּטער, וואָס זיינען יעדענפֿאַלס געניטער אין זייער לאַנד פֿאַר מיר און וויסען, מסתמא, וואָס זיי טהוען.

אויף מאָרגען, האָב איך מיך איבערצייגט, אַז איך האָב קיין טעות געהאַט. דער גאַנצער ניל, וואָס זיין וואַסער איז ביז איצט אַזוי קלאָר און אַנגענעהם געוועזן צו טרינקען, איז פּלוצלונג געוואָרן אַ גרינע קלעבריגע מאַססע מיט אַזאַ איבעלן גע־רוך, וואָס מען קאָן נאָהענט ניט צוגעהן צו איהם. דאָס איז „דער גרינער ניל!" האָט מען מיר דערקלערט. דריי, פֿיער טאָג איז ער אַזוי גרין, אַזוי געדיכט און קלעפּיג, און קיין פֿילטרא אין דער וועלט איז ניט אים שטאַנד דאָס וואַסער צו רייניגען מען זאָל עס קאָנען צום מויל צוטראָגען.

דאָס קומט דער פֿון, דערקלערט מען, וואָס דאָרט, אין יענער געגענד פֿון וואַ־נען דער ניל פֿליסט אַרויס, ברענט די הייסע אַפֿריקאַנישע זונן גאַנצע זעכס מאָנאַט און צוקאָכט די גאַנצע מענגע שטעהענד וואַססער אין יענעם אונגעהייער גרוי־סען וואַססער בעקען, ביז עס ווערט דורכגעוואַכסען מיט אַ געדיכטען גרינעם וואַססער־שימעל און ווערט אַ גרויסע פֿערפֿוילטע געדיכטע גרינע מאַססע. אין דער צייט, ווענן אין עגיפּטען הייבט אָן בלאָזען דער צפֿון ווינד, הייבען זיך דאָרט אָן די גע־וואַלדיגע טראָפּישע רעגענס. דאָס גאַנצע רעגען וואַססער שטראָמט פֿון די הויכע געגענדען מיט אַ געוואַלדיגען שטראָם אין יענעם גרויסען בעקען אַריין און ווערט דורכגעמישט מיט דער גרינער מאַסע, וואָס גיסט זיך ווידער אין ניל אַריין. דערפֿון בעקומט דער ניל אַזאַ פֿאַרב, אַזאַ געדיכטקייט און איבעלן גערוך. נור וואָס פֿוללער ער ווערט, דאָס קלאָרער ווערט דאָס וואַססער צוריק און נאָך עהדער ער געהט פֿון זיינע ברעגען אַרויס, איז ער ווידער אַזוי קלאָר און אַזוי אָנגענעהם צו טרינקען ווי פֿריהער. נאָך מעהר אָבער בין איך איבערראַשט געוואָרן, אַרויסגעהענדיג פֿון קאַ־יוטע אין אַ פֿריה מאָרגען און איך האָב דעם ערסט נעכטען נאָך קלאָרען און גרויסען שטראָם, דערזעהן הייגט אין גאַנצען רויט ווי בלוט. איך האָב געמיינט, עס דאַכט זיך מיר נור אַזוי, איך האָב זיך מעהר און טיפֿער איינגעקוקט און זיך איבערצייגט: דער ניל האָט אויפֿגעהאָרט צו זיין אַ טייך וואַססער און איז געוואָרן אַ געוואַלדיגער טייך פֿון בלוט. אַזוי געדיכט ווי בלוט, אַזוי רויט ווי בלוט, מיט קיין אַנדער רויטקייט אין דער וועלט, קאָנן מען אַזאַ פֿאַרב ניט פֿערגלייכען, נור מיט בלוט.

„דאָס איז דער רויטער ניל", האָט מען מיר ווידער דערקלערט. אַזוי האָט געדויערט דריי טאָג און ווידער האָט מען דאָס וואַססער ניט געקאָנט טרינקען. דערווייל איז דער ניל אַלץ העכער און העכער געוואַכסען, דאָס וואַססער איז צוריק

דורכזיכטיג געוואָרען, אנגענעהם צום טרינקען, חאָטש ער איז נאָך אַלץ רויט געוועזן. ענדליך האָט ער אָנגעהייבען פון זיינע בּרעגען אַרויסטרעטען און זיך פערשפּרייטען פון ביידע זייטען אויף מיילען ווייט, איבער פעלדער, דאָרפער און שטאָדט. דאָ האָט זיך ערסט דער רעכטער יום טוב אין לאַנד אָנגעהייבען. מאָנער, ווייבער, יונגלעך און מיידלעך, יונג און אַלט האָבען זיך געלאָזען אומשפּאַצירען אין דער ווייטער, בּרייטער פערפלייצונג, דאָס וואַססער איז נאָך ניט צוהייך, די ערד איז כּמעט אומעטום גלייך אָהן גריבּער, אָהן גראָבענס; זעלבּסט וואו עס געפינען זיך אַזעלכע, זיינען זיי אַרומגעצוימט און יעדען גוט בּעקאַנט. מיט וואָס פאַר אַ פרייד און פערגניגען קיהלט זיך יעדער אין וואַססער! עס שרעקען זיך ניט זעלבּסט שאָף און רינדער און בּראָדיען אום מיט לוסט אין דער גרויסער וואַנע. וואו מען וואַרפט אַיין אויג בּלישצען דורך זילבּערנע און גאָלדענע שופּען פון די פיעל פיש, וואָס דאָס וואַססער בּרענגט מיט זיך. עס פליהען אָן גאַנצע וואָלקען פערשידען פאַרבּיגע פויגעל און פאַנגען די פיש, טראָגען זיך הויך אין די לופטען אַוועק מיט אַ צאַפּעלדיג פישל אין שנאָבעל, לאָזען זיך בּאַלד צוריק אַראָב, עס איז אויך זייער יום טוב, אַ יום טוב פאַר דער גאַנצער נאַטור. פון אַללע זייטען הערט זיך דאָס וואַססער גערויש ווי עס צובּרעכט אַיין אָנגעשאָטען וואַל, אָדער אָפענט די פערשטעלטע סלושען אין די פיעל קאַנאַלען אַריינצודרינגען. קיין ערשיינונג אין דער וועלט, וואָס איך האָב אין מיינע רייזען אַזוי פיעל זיך אָנגעזעהן, האָט מיך אין אַזאַ גליקליכער, לוסטיגער שטימונג ניט געבּראַכט, ווי די ערשיינונג, ווען איך האָב די ערסטע אויספלייצונג פון ניל געזעהן. אין גאַנצער וועלט איז אַ אויספלייצונג אַ קְלָלָה און האָט אַ געשטאַלט פון שרעק און פערוויסטונג, אין עגיפּטען איז עס אַ בְּרָכָה און האָט אַ געשטאַלט פון פרייד, גליק און לעבען. קיינמאָל בּעט דאָס פאָלק ניט אַזוי ערנסט זיינע גאָטטער, ווי עס בּעט אין דער צייט: דער ניל זאָלל נאָך האָבער און האָבער שטייגען. וואָרום לויט נאָך די הייכקייט פון ניל, ווייסט דאָס פאָלק פון פריהער די גראָטהענקייט פון זיינע פעלדער אין דעם יאָהר. וואָס האָבער עס שטייגט דאָס וואַססער מעהר געראָטה אַלץ די תְּבוּאָה.

כּמעט גאַנצע פיער חֳדָשִׁים איז עגיפּטען אַ אָזערא אַ גרויסע, אין וועלכער עס זיינען געבּויט שטאָדט און טויזענדער דאָרפער, און אויף וועלכער עס שווימען אום מיט געזאַנג און קלאַנג טויזענדער און טויזענדער שיפלעך און פלאָטען הין און צוריק.

ענדע אָקטאָבער ווערט דאָס לאַנד צוריק טרוקען און עס הייבּט זיך אָן די ערד אַרבּייט, אַקערן און זאָען. דער ניל האָט ניט נור די ערד דערוייכט, ער האָט זי אָבער נאָך מעהר פעט געמאַכט, וואָרום יעדעס יאָהר לאָזט ער נאָך זיך אַ דיקען פעטען שלאַם, וואָס איהם פערדאַנקט מען די גאַנצע גראָטענקייט פון דעם קליינעם

לאנד, וואס האט ניט אומזיסט דעם נאמען בעקומען: „די קארען קאמער פון דער וועלט״.

דאס עגיפטישע יאהר ווערט, דורך דעם, צוטהיילט אין דריי צייטען: 4 מאנאטע: יולי, אויגוסט, סעפטעמבער און אקטאבער הייסט: די וואססער צייט. נאוועמבער, דעצעמבער, יאנואר און פעברואר: „ארבייט־ אדער גרין־צייט״. ד. ה.: די צייט פון אקערן, זאען און שניידען; און מערץ, אפריל, מאי און יוני „ערנטע־אדער טרוקענע־צייט״ (זמן האסיף) ד. ה.: די צייט פון אראבנעהמען די תבואות און פרוכטען פון פעלדער און גארטנער.

---

## די מצרים, אדער דאס אלטע עגיפטישע פאלק.

ווי די ביבעל דערצעהלט האט חם, נח׳ס זוהן געהאט פיער זיהן, די עלטערע פון זיי זיינען געוועזן כוש און מצרים. כוש׳ס קינדער, איז מען משער, האבען זיך בעזעצט ביי׳ם טייך ניל העכער צו דרום און זיי האבען געגרינדעט דאס לאנד עטהיאפיען (מדינת כוש); מצרים׳ס קינדער האבען זיך בעזעצט אין די נידריגערע געגענדען פון ניל, נאהנטער צו צפון און האבען געגרינדעט דאס לאנד מצרים.

די פיעל בילדער, געמאהלטע און אין שטיינער אויסגעהאקטע פיגורען פון אמאליגע מצרים, וואס זיינען נאך אזוי פיעל געבליבען אין די אלטע טעמפעל, פאלאסטען און קברים, בעווייזען אז די איצטיגע בויערן פון לאנד, וואס די אראבער רופען זיי אן: „פעלאהיש״ זיינען אין געשטאלט און אין זייער קערפערבוי די ריכטיגע אייניקלעך פון די אמאליגע מצרים. ווי פיעל די אהנליכקייט פון די פעלאהשען איז צו די אמאליגע מצרים זעהט מען פון א פאקט, וואס האט דארט ניט לאנג פאססירט. נעבען דער אלטער עגיפטישער הויפשטאדט מעמפיס האבען אייראפאאישע געלעהרטע, מיט איינינע יאהר צוריק, פון איין אלטען קבר ארויסגענומען א האלצענע סטאטוע פון א מיניסטאר, וואס איז שוין מעהר ווי 4 טויזענד יאהר צוריק געשטארבען. אז די פעלאהשען האבען די סטאטוע דערזעהן האבען זיי געמיינט, אז דאס איז די סטאטוע פון זייער שייך (סטאראסטא, דארף פארשטעהער), וואס לעבט נאך איצט און האבען אויף זייער לשון אנגעהייבען שרייען: על־בעלעד, ד. ה.: אונזער שייך. די סטאטוע איז ווירקליך גלייך געוועזן צו אידם, דערפאר רופט מען זי איצט אן, אין יענעם מוזעאום וואו זי געפינט זיך, מיט דעם נאמען: el. beled.

די פעלאשהען געהערן צו דער ווייסער קאווקאזישער ראססע, און דאס ווייזט, אז די אמאליגע מצרים זיינען ניט געוועזן פון די דרום אפריקאנישע נעגער שטאמען,

נור פון די ווייסע מענשען, אזוי ווי די בני־שם און בני־יפת און האבען זיך נור אויסגעצייכענט מיט זייער בעזונדערן פאמיליען טיפ.

עס לעבט נאך איין אלטער שטאמם איצט אין עגיפטען מיט דעם נאמען: „קאפטען", א מאל האט מען געמיינט, אז זיי זיינען די עניקלעך פון די אלטע מצרים; אין די לעצטע צייטען האבען די געלעהרטע ארויסגעפונען, אז די קאפטען זיינען די עניקלעך פון געמישטע אלטערן פון פערשידענע פעלקער, וואס האבען, אין דער לאנגער צייט פון דער עגיפטישער געשיכטע, אזוי פיעל געוואהנט אין דעם אלטען לאנד.

---

## דער ערסטער עגיפטישער קעניג מענא, אדער מענעס.

ווי אללע אלטע פעלקער, האט אויך דאס עגיפטישע פאלק אנגעהייבען זיין געשיכטע צו דערצעהלען פון יענע צייטען, ווענן די געטטער אלליין זיינען געוועזן די קעניגע פונ'ם לאנד. די געטטער האבען געהערשט אין מצרים, דערצעהלט די לעגענדע, יעדער גאטט אין א בעזונדער געגענד פון לאנד. זיי זיינען גוטע הערשער געוועזן און האבען פונ'ם פאלק קיין גרויסע אבגאבען ניט פערלאנגט. דאס פאלק האט געזאעט זיינע פעלדער, און וואס דאס פעלד האט איהם געגעבען איז געוועזן זיינס. אין יענער אלטער צייט האבען מענשען געלעבט גליקליך און די געטטער — צופריעדען. אזוי האט זיך געפיהרט טויזענדער יאהרען, ביז די פריסטער האבען אנגערעדט די געטטער זיי זאללען זיך בעזעצען אויפ'ן הימעל און דאס לאנד זיי איבערגעבען צו רעגירען, און אנשטאט די געטטער זיינען די פריסטער געווארן די פיהרער. זיי האבען שוין פונ'ם פאלק פערלאנגט גרויסע אבגאבען פאר די ערד, וואס יעדער ארבייט און פאר יעדעם הויז וואס יעדער בויט. לאנג האט זיך אויך געצייגען די פריסטער הערשאפט, דאס פאלק האט פערגעסען די גוטע צייטען פון א מאל: די פריסטער צווישען זיך האבען אויך ניט גוט געלעבט, עס פלעגט אפט זיין מלחמות צווישען זיי, און דאס פאלק האט די געטטער אנגעהייבען בעטען צוריק אראבקומען פון הימעל הערשען איבער איהם ווי פריהער. די געטטער אבער האבען שוין ניט געוואלט אראבגעהן, האבען זיי געשיקט א קלוגען קעניג, וואס זיין נאמען איז געוועזן מענא, אדער מענעס, ער האט אבגענומען די מאכט פון די פריסטער און איז אלליין געווארן קעניג איבער גאנץ מצרים. ער איז דער ערסטער פרעה, וואס פון איהם הייבען אן די געשיכטע שרייבער צו רעכענען די דינאסטיען, ד. ה.: די קעניגליכע פאמיליען, וואס האבען איינע נאך די אנדערע געהעררשט אינ'ם לאנד.

דער עגיפטישער פריסטער מאנעטהא האט דער ערסטער די גאנצע געשיכטע

צוזאַמען געשטעלט, און לויט נאָך זיין בעשרייבונג, האָבען אויך שפּעטערע היסטאָריקער וייערע געשיכטען פון דעם לאַנד געשריבען.

מאַנעטהאָ האָט געלעבט אַ ערך 250 פ׳ (ג. תק״י). צו יענער צייט האָט אין עגיפּטען רעגירט פּטאָלאַמאָאָס פילאַדעלפוס, איינער פון די גריכישע קעניגע, וואָס האָבען אין עגיפּטען רעגירט, נאָך דעם, ווען דאָס לאַנד האָט אויפגעהערט פון אייגענע קעניג׳ בעהערשט צו ווערן. פּטאָלאַמאָאָס פילאַדעלפוס איז זעהר אַ געבילדעטער קעניג געוועזן, און איהם האָט זיך ריכטיג געוואָלט וויסען די געשיכטע פון דעם לאַנד און פאָלק אויף וועלכע ער רעגירט, דאַריבער האָט ער געבעטען דעם געלעהרטען פּריסטער מאַנעטהאָ, ער זאָלל די ריכטיגע געשיכטע פון עגיפּטען שרייבען. נאָך לאַנגער שווערער אַרבייט אין זוכען און לעזען פיעל שריפטען אין די אַרכיווען פון דער אַלטער עגיפּטישער הויפּטשטאַדט מעמפיס, האָט מאַנעטהאָ מְסַדֵר געוועזן אַלץ וואָס ער האָט אַרויסגעפונען און האָט די עגיפּטישע געשיכטע צוזאַמענגעשטעלט.

ווי מאַנעטהאָ דערצאָהלט האָט מענעס, אַלס דער ערסטער פַּרְעֹה מֶלֶךְ מִצְרַיִם, רעגירט, אַ עֶרֶךְ מיט 3,200 יאָהר, פאַר דער איצטיגער אייראָפּאָאישער צייט רעכנונג. נור נאָך אַ צייט פריהער איז שוין מצרים אַ געאָרדענט לאַנד געוועזן מיט פיעל גרויסע שטאָדט, דאָרפער און הייזער שאָנע, וואָס אום צו אַזאַ מַדְרֵגָה צו קומען אין בילדונג, האָט שוין דאָס פאָלק געמוזט נאָך פאַר מענעס׳ן לאַנגע צייטען דאָ לעבען. די איצטיגע געלעהרטע פערזיכערן דאַריבער, אַז ביז צו אַזאַ מדרגה צו קומען, ווי דאָס עגיפּטיש פאָלק איז שוין געשטאַנען, ווען מענאַ איז קעניג געוואָרן, האָט געמוזט אַריבערגעהן אַ צייט פון טויזענדער יאָהרען. מאַספּעראָ, וואָס האָט אין עגיפּטען פיעל נאָך געפאָרשט, שאָמט זיך ניט צו זאָגען, אַז ביז מענאַ, זיינען שוין 10 טויזענד יאָהר איבער דעם לאַנד און פאָלק אַריבער. עס פערשטעהט זיך, אַז דאָס זיינען נור הַשְׁעָרוֹת פון געלעהרטע, וואָס די וועלט־געשיכטע קאָנען זיי נור דערמאָהנען, אָבער ניט אָנווייזען אויף זיי ווי אויף געשיכטליכע פאַקטען.

פון פרעה מענאַס, דערצאָהלט מאַנעטהאָ, אַז איהם איז בעסער געפאָללען, דער ניל זאָלל געהען מעהר צו מִזְרַח זייט, צוליעב דעם האָט ער אַ לאַנגען און בּרייטען קאַנאַל געלאָזט גראָבען, אין וועלכען ער האָט דאָס גאַנצע וואַססער אַריינגעצייגען. דעם פּלאַץ וואו דער ניל איז פריהער געגאַנגען האָט ער געלאָזט פערשיטען, און אויף דעם אָרט האָט ער געלאָזט בויען די שטאָדט מעמפיס, וואָס איז די הויפּטשטאָדט געוואָרן פאַר פיעל עגיפּטישע קעניגע נאָך איהם. די שטאָדט האָט מענאַ אַ נאָמען געגעבען: מען־נאַפער: גוטער אָרט; ערסט שפּעטער האָט מען זי אָנגעהייבען רופען: מעמפיס (מוף).

**30 דינאַסטיען, האָבען רעגירט אין עגיפּטען פון מענאַ אָן, ביז דאָס לאַנד**

איז איינגענומען געווארן פון דעם פערזישען קאָניג קאמביזעס, אים יאהר 525 פ׳ (ג׳ רל״ו) אונ איז געוואָרן א פערזישע פראָווינץ. די דרייסיג דינאַסטיען טהיילט מען איין, לויט נאך די הויפּטשטאָדט, וואו זיי האבען רעגירט. די ערסטע 10 האבען רעגירט אין מעמפיס אונ ווערן אין דער געשיכטע בעצייכענט מיט דעם נאמען: מעמפי־טישע דינאַסטיען; די צווייטע 10, האבען שטאנדיג זייער הויפּטשטאדט געהאט די שטאדט טהעבען (נא אמון) אונ הייסען: טהעבאנישע דינאַסטיען; די דריטע 10 דינאַסטיען האבען רעגירט אמאל אין דער שטאדט שאאיס אונ אמאל אין טא־ניס (צוען) אונ הייסען דאריבער שאאיטישע דינאַסטיען.

מענעס האט 62 יאהר רעגירט, אונ איז געשטארבען פון א בים, וואס ער האט בעקומען פון א היפּפּאָפּאָטאמע (ניל פערד), וואס זיינען נאך צו יענער צייט פיעל געווען אין ניל זעלבסט אין אונטער עגיפּטען.

---

## די ערסטע מעמפיטישע דינאסטיען אונ די פיראמידען בויער.

פון די קאָניגע, אדער פרעה׳ס פון די ערסטע דריי דינאַסטיען, וועלכע האבען אין לאנד רעגירט, ווייסט די געשיכטע, אויסער זייערע נאמען, ווייניג וואס פון זייערע מעשים צו דערצאָהלען. מען ווייסט נור, אז דאס לאנד איז פערשלאסען גע־ווען, קיין איינצינען פון א פרעמדען פאלק האט מען אין עגיפּטען ניט אריינגעלאָזען אונ אויך די עגיפּטער זיינען פון זייער לאנד קיינמאל ניט ארויסגעגאנגען. פון דעם ערסטען קאָניג פון דער 4־טער דינאַסטיע פרעה שנאפרו, ווייסט מען, אז ער האט איינגענומען די נאמאדען פעלקער, וואס האבען געוואָהנט אויף דער האלבער אינזעל סיני אונ האט דארט אין א פעלז איין אויפשריפט געלאָזען, וואו עס איז אבגעמאָלט זיין גבורה ווי ער אונטערוואַרפט אונטער זיך די נאמאדען. פון איהם הייבען זיך אן צו רעכענען די בעריהמטע פּאלאסטען אונ טעמפּעל אונ אויך די פיראמידען, וואס פיעל פון זיי שטעהען נאך איצט פאר א וואונדער פאר יעדען וואס זעהט זיי.

די פיראמידען זיינען אונגעהייר גרויסע פיער קאנטיגע געביידע, וואס הייבען זיך אן אונטען גאנץ בריים אונ ווערן אלץ שמאלער אונ שמאלער אין אללע פיער זייטען, ביז זיי פערענדיגען זיך אייבען מיט א פיער קאנטיגען שפּיץ. פון דערווייטענס זעהען זיי זיך אן ווי פיער קאנטיגע שפּיציגע בערג, אזוי הויך אונ אזוי גרוים זיינען זיי.

געוואָהנליך האט מען זיי פון אנהייב געבויט פון ציגעל, אדער פון פעלזען־פּלאטען אונ דערנאך זיי אלץ בעצויגען מיט הארטע גראַניטענע דיקע איבערדעקען, וואס דורך דעם זיינען זיי אלץ גראָסער אונ האָהער געוואָרן. קיין פענסטער זיינען אין זיי ניטא, נור א קליין טהיר׳ל אין מזרח זייט — ווייל אין די מערב זייט, האבען די

עגיפּטער געגלויבּט, געהאָר צו די גאָטטער. געבּויט האָט מען זיי אַלס קאָניגליכע קְבָרִים. יעדער קאָניג האָט, בּאַלד ווי ער איז קאָניג געוואָרן, אָנגעהייבּען בּויען פֿאַר זיך אַ פּיראַמידע; האָט ער זי אין זיין רעגירונגס צייט ניט געענדיגט, האָט עס געענדיגט דער זוהן זיינער, אָדער דער וואָס האָט נאָך איהם רעגירט. דער צוועק דערפֿון איז בּעשטאַנען דאַרין: די עגיפּטער האָבּען געגלויבּט, אַז דעם מענשענס זעעלע שטאַרבּט ניט צוגלייך מיט'ן גוף. נאָכ'ן טוידט מְשַׁפֵּט מען זי אונ לויט ווי זינדיג זי איז אַזאַ פְּסַק גיט מען אַרויס, זי זאָלל אַזוי פֿיעל אונ אַזוי פֿיעל יאָהרען אומוואַנדערן אין גִלְגוּלִים פֿון איין גוף אין אַנדערן, בּיז זי קומט ענדליך צו איהר ערסטען גוף אונ דענסטמאָל קאָנן זי ערסט אין גַן־עֵדֶן אַריינקומען. דאַריבּער איז נאָטהיג מען זאָלל דעם גוף פֿערהיטען, ערסטענס: ער זאָלל ניט צופֿוילט ווערן, אונ צווייטענס: ער זאָלל גאַנץ בּלייבּען פֿון אַנדערע פֿערדאַרבּענדע צופֿאַללע אונ סִבּוֹת. ער זאָלל ניט צופֿוילט ווערן, האָבּען די פּריסטער, וואָס זיינען די געלעהרטע געוועזן אונ האָבּען פֿון מיטטעל געוואוסט, וועלכע זיינען נאָך אֲפִילוּ איצט ניט בּעקאַנט, ערפֿונדען אַ מיטטעל ווי דעם טוידטען קאָרפּער צו אַזאַ שטאַנד צו בּרענגען ער זאָלל איבּיג קאָנען בּלייבּען גאַנץ.

דאָס צוריכטען אונ די מיטטעל ווי זיי האָבּען עס געמאַכט, זיינען נאָך ניט אין גאַנצען בּעקאַנט, אונ מען רופֿט עס איצט אָן: „איינבּאַלזאַמירען" אָדער „פֿערמומען". דאָס האָבּען נור די פּריסטער געקאָנט אונ בּסוד געהאַלטען קיין אַנדערער זאָלל דערפֿון ניט וויסען. איז אַ אַנשטאָנדיגער בַּעַל הַבַּיִת געשטאָרבּען, פֿלעגט די פֿאַמיליע גרויסע טרויער־צערמאָניען מאַכען, אַללע נאָהענטע קְרוֹבִים פֿון געשטאָרבּענעם, האָבּען געמוזט בּאַלד טרויער קליידער אָנטהון אונ ניט געטאָהרט עסען, ניט טרינקען, אפֿילו אין אַ בּאָד ניט געהן אין דעם ערסטען טאָג. קלאָג ווייבּער מיט אַש אויפֿ'ן קאָפּ פֿלעגען אַזוי דריי טאָג אין די גאַסען אַרומגעהן זינגענדיג זייערע קלאָגלידער. אויפֿ'ן דריטען טאָג פֿלעגט קומען דער פּריסטער זיך בּעדינגען וועגען דעם איינבּאַלזאַמירן. דאָס איינבּאַלזאַמירן איז פֿערשיעדען געוועזן לויט נאָך דעם מֶקַח, וואָס מען האָט בּעצאָהלט פֿאַר דער אַרבּייט. יעדער פּריסטער האָט געוויסע מוסטער געהאַט אונ לויט נאָך דעם מוסטער, וואָס מען האָט אויסגעקליבּען אַזוי איז דער טוידטער בּאַלזאַמירט געוואָרן. איז מען מיט'ן מֶקַח דורכגעקומען, האָט דער פּריסטער דעם צייכען געמאַכט אין וועלכען אָרט דעם איינשניט צו מאַכען די איינגעווייד אַרויסצונעהמען — אַלליין האָט ער עס קיינמאָל ניט געטהון — עס האָט זיך גערעכענט פֿאַר אַ גרויסע זינד אַ טוידטען דאָס לייב צו אָבּ־נעמען. עס זיינען אָבּער געוועזן מענשען פֿון דער נידריגסטער קלאַססע עקסטרא דערצו בּעשטימט, בּלוּמְר'שט, אַריינצוגעבּ'ן זיך צום טוידטען אין צימער אונ דעם איינשניט מאַכען אונ ענטלויפֿען. האָט מען דעם איינשניידער דערזעהן לויפֿענדיג

האָט מען זיך נאָך איהם געיאָגט מיט קְלָלוֹת און מיט שטיינער. דאַן האָט דער פּריס=
טער גענומען דעם טוידטען צו זיך אין לאַבאָראַטאָריום. די איינגעווייד, אויסער
נירען און הארץ, האָט מען אַרויסגענומען, זיי געוואַשען און געווייקט אין פּאַלמען=
וויין און זיי בעהאַלטען אין אַ עקסטראָ דערצו בעשטימטע כֵּלִי, מיט אַ פֿערציערט
דעקעל מיט אַ קאָפּ פֿון אַ עגיפּטישען גאָטט. דאָס זיינען די כֵּלִים וואָס מען רופֿט
זיי איצט אָן קאַנאָבען, וועלכע געפֿינען זיך כִּמְעַט אין יעדען אַלטען עגיפּטישען
קֶבֶר. דען קאָרפּער האָט מען געווייקט און געריבען מיט אַזעלכע גאָרבער שטאָפֿען,
ניט ווענינער ווי אַ חוֹדֶשׁ צייט. דאַנן האָט מען איהם אָנגעפֿיללט מיט אַ געמיש פֿון
אַספֿאַלט און פֿערשידענע פעך, דערצו נאָך געווירצען אַללערליי, ער זאָלל קיין שלעכ=
טען גערוך ניט האָבען. ווענן דאָס באַלזאַמירען איז שוין פֿאַרטיג געוועזן האָט מען אָנ=
געהייבען דעם קאָרפּער, יעדעס גליד בעזונדער, קינסטליך איינוויקלען אין פּאַסען
לייוואַנד בענעצטע אין אַ גוממי פֿליסיגקייט. אויף אַזאַ איינוויקלען פֿלעגט אָפֿט
אַוועקגעהן ביז 5000 מעטער לייוואַנד. מיט דעם קאָרפּער פֿלעגט מען אויך איינ=
וויקלען יעדעס זיין געצייג: אַ שניידער זיין שעער, אַקריעגס מאַן—זיין בויגען, זעלבסט
אַ קינד פֿלעגט מען צוּוויקלען זיין שפּילצייג. וואָס טהייערער דאָס באַלזאַמירען האָט
געקאָסט, דאָס שאָנער איז דער קאָרפּער געוועזן און דאָס לענגער האַלט ער. ביי
די איינבאַלזאַמירטע קאָניגע זיינען נאָך אֲפִילוּ דאָס האָאָר אויפֿן קאָפּ ביז איצט גאַנץ,
ביי געמיינערע טרעפֿט עס זעלטען. נאָך טהייערער ווי דאָס באַלזאַמירן, האָט
געקאָסט דער זאַרג (אָרון), דעם זאַרג האָט מען ווידער איינגעשלאָסען אין אַ שטיי=
נערנעם זאַרקאָפֿאַג (אַזאַ שטיינערנער קֶבֶר), וועלכער איז געוועהנליך געציערט מיט
געקריצטע, אָדער בולט אויכגעהאַקטע אויפֿשריפֿטען דער נאָמען פֿונ׳ם טוידטען,
און אָפֿט אויך די געשיכטע פֿון זיין לעבען. דאַנן ערסט האָט מען איהם אין אַ
שיפֿעל געטראָגען צו זיין קבר. אַ קבר האָט זיך יעדער אַנשטאָנדיגער מענש בע=
זאָרגט אין לעבען. קיינעם האָט זיין הויז און זיין פּאַלאַסט אַזוי פֿיעל ניט געקאָסט
וויפֿיעל זיין קבר. געוועהנליך זיינען די קְבָרִים אויסגעהאַקט אין די האַרטעסטע
פֿעלזען, דאָרט וואו קיין וואַסער קאָנן ניט צוקומען. רייכערע האָבען עס געמאַכט
אין דריי גרויסע חֲדָרִים, יעדער חֶדֶר איז צו איין אַנדער זאַך בעשטימט געוועזן.
אין דעם לעצטען חדר האָט מען דעם זאַרקאָפֿאַג אַוועקגעשטעלט. אויך פֿלעגט מען
יעדען טוידטען מיטגעבען פֿיעל פֿיגורען פֿון ליימענע אָדער שטיינערנע מענשען,
זיי זאָללען איהם דאָרט בעדינען. דאַן פֿלעגט דער חדר מיט שווערע שטיינערנע
פּלאַטען פֿערשטעלט און פֿערמויערט ווערן, און אויף אַזאַ אופֶן, איז מען זיכער גע=
וועזן, וועט דער גוף זיך דערהאַלטען ביז די זעעלע וועט צוריקקומען.

צו דעם זעלבען צוועק האָבען די קאָניגע די פּיראַמידען געבויט. די קאָניג׳ע
פֿון דער 4 טער דינאַסטיע, פּרעה חופֿו (Cheopos), פּרעה חַפְרַע דער ערסטער און

פַּרעה מענקאַרא, זיינען די ערסטע, וואָס האָבען די דריי גראָסטע פּיראַמידען געבויט ביי דער שטאָדט גִיזָה, (Gizeh) געגענאיבער דער איצטיגער הויפּטשטאָדט קאַירא און ניט ווייט פון דער אַלטער הויפּטשטאָדט מעמפיס. דער גראָסטער פון זיי רעכענט זיך פּרעה חופו׳ס פּיראַמידע, וואָס האָט 137 מעטער די הייך; דער פונדאַמענט הייבט זיך אָן 200 מעטער פון יעדער זייט. אין גאַנצען, איז בערעכענט געוואָרן, איז אויף איהם פערברויכט געוואָרן איבער 90 מיליאָן קוביק־פוס בוי־מאַטעריאַל.

הערָאָדאָט דערצעהלט, אַז נאָך אין זיין צייט האָבען די עגיפּטער יענעם פּרעה חופו אָדער חעאָפּס, ווי ער רופט איהם, געשאָלטען, וואָס ער האָט געצוואונגען הונדערט טויזענד מענשען צוואַנציג יאָהר נאָכאיינאַנד צו אַרבייטען ביי דער פּיראַמי־דע. עס געפינט זיך אויך אויף איהר, שרייבט ער, אויסגעהאַקטע בוכשטאַבען, וואָס ווייזען אָן וויפיעל עס האָט רעטעך און קנאָבעל אַליין געקאָסט פאַר די אַר־בייטער, און דער ציפער טראָגט אויס 1,600 טאַלענט זילבער, (א טאַלענט זילבער בעטרעפט אויף אונזער געלד אַ ערך 1400 רובל). ווענן נור אויף קנאָבעל און רעטעך איז אוועק אַזוי פיעל געלד, קאָנן מען זיך לייכט פאָרשטעלן, וויפיל האָט געקאָסט שפּייז און קליידער פאַר די אַרבייטער.

אין דער דריטער פּיראַמידע האָט מען געפונען דעם זאַרקאָפאָג פון דעם קעניג פּרעה מענקאַרא מיט זיין מומיע. אויף זיין זאַרג געפינט זיך אַזא אויפשריפט: „אָ אָזירים, (דער עגיפּטישער גאָטט פון די זונן) קעניג מענקאַרא, דער עוויג לעבענ־דער! געבוירען פון הימעל, געטראָגען אין שוים פון נ ו ט און פון ש ע ב, (גיים־טער פון דער ערד און פון הימעל) דיין מוטער נוט נעהמט דיך צו אין איהר נא־מען, זאָלל זי דיך פאַר אַ גאָטט מאַכען צווישען אַללע געטטער פון הימעל און דיינע פיינד אויף דער ערד פערניכטען".

„נאָך איצט, דערצעהלט מאַספּעראָ, שטעהט חופו׳ס פּיראַמידע שטאָלץ אין רעכטען מיטען ווּיסטען זאַמד, האָט קיין מורא פאַר אַללע שטורמווינדען וואָס טראָ־גען זיך אַריבער פון דער וויסטע איבער איהם, ער שיינט נאָך אָב ביי טאָג פון די ברענענדע שטראַלען פון דער עגיפּטישער שטאַנדיג לויטערער זונן, און פער־שפּרייט פאַרנאַכט זיין ריזען שאָטען ווייט איבער די ווייץ־פעלדער פון דער גיזָה געגענד".

מיט אַזעלכע ריזען געביידע האָבען זיך אויסגעצייכענט כּמעט אַללע קעניגע פון דער 4־טער דינאַסטיע.

ניט ווייט פון די צוויי אַלט עגיפּטישע הויפּטשטאָדט מעמפיס און טהעבען גע־פינען זיך די טוידטען פעלדער (בּית־הַקְבָרות), איבער דריי הונדערט טריט הויך אויסגעהאַקט אין דעם לוּבֶּישען פעלזען פאַס, און פערנעהמען אַ שטרעקע פון איינינע שטונדען וועג. פיעל היילען און קאַטאַקאָמבען מיט פיעל קאָרידאָרען און

אונטער אירדישע וועגען, וואָס פֿיהרען צו די קְבָרִים פֿון אַ מאָליגע רייכֿע עגיפּטער. דאָ ליגען אַ מענגע פֿערבאַלזאַמירטע קערפּער פֿון טויזענדער יאָהרען. זיי זיינען אַזוי פֿיל, אַז די איצטיגע אַראַבּער, וועלכֿע וואָהנען אין יענע געגענדען, בענוצען זיי פֿאַר ברענן-מאַטריאַל צו הייצען אונ צו קאָכֿען. אין די קברים-האָלען פֿון די רייכֿע געפֿינען זיך אויף די וואַנד כְּתָבִים אונ בּילדער, וואָס שטעלען פֿאַר דאָס לעבען אונ בעשעפֿטיגונג פֿון דעם וואָס איז דאָ בעגראָבען. צו בעוואונדערן איז די פֿאַרבען פֿון די בּילדער, וואָס זיינען גאַנץ אונ פֿריש געבּליבען, חאָטש זיי זיינען מיט 4 טויזענד יאָהר צוריק געמאָהלט געוואָרען; דערפֿון זעהט מען, אַז די פֿאַרצייטיגע עגיפּטער האָבען שוין געוואוסט פֿון חימישע מיטטעל, ווי פֿאַרבען צוזאַמענצושטעלען זיי זאָלען קיינמאָל זייער קאָליער ניט פֿאַרלירען.

אונ דאָס אַלץ האָבען די עגיפּטער געטהון ניט נור צוליעב כָּבוד אַלליין, ווי מען טהוט איצט אָפֿט מיט טהייערע מַצֵבוֹת אויף די קברים פֿון רייכֿע אונ גרויסע לייט, נור מעהר פֿון דעם גלויבען, אַז די זעעלע פֿונ'ם געשטאָרבענעם מוז נאָך בּוי-זענדער יאָהרען זיך צוריקקעהרען צום קאָרפּער, אונ זי קאָנן אין גַן-עֵדֶן ניט אַריין אויב דער קאָרפּער איז שוין צופֿוילט, אָדער אַזוי ווי עס איז פֿערלאָרן געוואָרען.

„אונזערע הייזער אין וועלכֿע מיר וואָהנען לעבּעדיגערהייד, פֿלעגען די עגיפּ-טער זאָגען, זיינען נור צייטליכֿע הערבערגען (סמאַנציעס אויף אַ ווייל) אונזערע קְבָרִים אָבער, זיינען אונזערע אייביגע הייזער, דאַריבער דאַרף מען זיי שטאַרק אונ זיכֿער מאַכֿען זיי זאָללען זיך האַלטען אייביג!"

---

## די קאָניגין נייטאַקער.

פֿון דער זעכסטער דינאַסטיע, דערצאָהלט מאַנעטהאָ, פֿון אַ קאָניג פַּרְעֹה מענ-טעמזאָף, וועלכֿער האָט רעגירט איבערן לאַנד מיט חָכְמָה אונ מיט יֹשֶׁר; דאָס איז אָבער ניט געפֿאָללען געוועזן די פּריסטער אונ גרויסע לייט, אונ זיי האָבען אַ פֿער-שוואָרונג געמאַכֿט אונ איהם געטויטעט. זיין פֿרוי, די קאָניגין נייטאַקער איז בעריהמט געוועזן פֿאַר די שאָנסטע אונ קליגסטע פֿרוי אין גאַנצען לאַנד אונ איז נאָך איהר מאַנס טוידט קאָניגין געוואָרען (אין עגיפּטען איז אַ געזעץ געוועזן אַז פֿרויען מעגען רעגירען ווענן עס איז קיין אַנדער טהראָנפֿאָלגער ניטאָ). דאָס פֿאָלק האָט זי זעהר ליעב געהאַט, ווייל זי איז צום קלענסטען ווי צום גראָסטען גוט געוועזן. אַז זי האָט זיך דערוואוסט, דאָס איהר מאַנן אונ קאָניג איז ניט געשטאָרבען מיט אַ נאַטירלי-כֿען טוידט, נור פֿון די האַנד פֿון זיינע ראַטהגעבער, איז איהר מעהר דאָס לעבען ניט איינגעפֿאַנגען אונ זי האָט זיך פֿאָרגענומען נְקָמָה צו נעהמען. זי האָט אָבער

קיינעם דערפֿון נישט דערצעהלט און קיינער האָט ניט געוואוסט וואָס ביי איהר אין האַרצען געהט פֿאָר. אַזוי ווי איהר פּאַלאַסט איז ניט ווייט פֿון ניל געשטאַנען, האָט זי אין געהיים געלאָזט צוציהען אַ קאַנאַל צו איהר פּאַלאַסט, וואו אין אַ בעהאַלטענעם ווינקעל האָט זיך פֿיעל וואַססער אָנגעקליבען. פֿון אַ טהיר וואָס פֿיהרט פֿון פּאַלאַסט קעהלער אין איהר גאָרטען אַריין, האָט זי געמאַכט שלוזען, מען זאָלל קאָנען זיי אויפֿהייבען און אַראָבלאָזען ווענן מען וויל, כְּדֵי דאָס אָנגעקליבען וואַססער זאָלל דעם קעהלער פֿערטרענקען. די אַרבייט איז פֿאַרטיג געוואָרן, קיינער פֿון די גרויסע לייט האָט דערפֿון ניט געוואוסט. איינמאָל, אין אַ גאַנץ הייסען טאָג, האָט זי פֿערבעטען אויף אַ מאָהלצייט צו זיך אַללע יענע פּריסטער און ראַטהגעבער, וואָס זי האָט געוואוסט, אַז זיי זיינען שולדיג אין איהר מאַנ'ס טוידט. ווייל אין די אייבערשטע צימערן איז כְּלוֹמַר'שט צו הייס געוועזן, האָט זי געהייסען די טישען גרייטען אין די קעהלער חֲדָרִים. ווענן אַללע געסט זיינען שוין פֿון וויין רעכט פֿראָהליך געוואָרן האָט זי שטיללערהייד פֿון אינוויינעג אַללע טהירען פֿערשלאָססען און אויפֿגעהייבען די שלוזען, דאָס וואַססער איז אַריין מיט אַ מאָל און אַללע שולדיגע מיט איהר צוזאַמען זיינען דערטרונקען געוואָרן.

איהר קאָרפּער האָט מען באַלזאַמירט און מְקַבֵּר געוועזן אין דער פּיראַמידע, וואָס זי האָט נאָך פֿריהער פֿאַר זיך געלאָזט בויען. דאָס גאַנצע פֿאָלק האָט נאָך איהר געוויינט און לאַנג געטרויערט. „די שאָנע קאָניגין מיט די ראָזען וואַנגען" (באַקען), האָט מען זי גערופֿען און פֿיעל לעגענדען זיינען צווישען עגיפּטישען פֿאָלק און אויך ביי אַנדערע פֿאָלקער פֿון איהר שפּעטער דערצעהלט געוואָרן. אַ טהייל זאָגט, אַז זי איז דעם קאָניגס פֿרוי און אַ שוועסטער געוועזן (אין מִצְרַיִם פֿלעגען די קאָניגע אָפֿט זייערע אייגענע שוועסטער הייראַטען).

אַ טהייל זאָגט, אַז זי איז איין אָרעם מיידעל געוועזן, נור פֿאַר איהר שאָנקייט און חָכְמָה, האָט זי דער קאָניג פֿאַר אַ פֿרוי גענומען, דאַריבער זיינען די פּריסטער און ראַטהגעבער בּאָז געוועזן און האָבען איהם געטוידט.

די גריבען דערצעהלען פֿון דער קאָניגען ניטאַקער אַזאַ לעגענדע:

זי איז אַ אָרעם מיידעל געוועזן, זעהר אַ שאָנע און זעהר אַ פֿרומע, געליבּט האָט זי ערגעץ אין אַ פֿערוואָרפֿען דאָרפֿעל, אין אַ קליין שטיבעלע צוזאַמען מיט איהר מוטטער, וועלכע איז געוועזן אַ אָרעמע אַלְמָנָה. די מוטטער האָט מורא געהאַט, גרויסע אָדער רייכע לייט זאָללן איהר שאָנע טאָכטער ניט דערזעהן און זי צונעהמען פֿאַר אַ געליבטע אָדער קעבסווייב, ווי די מאָדע פֿון גרויסע לייט איז דענסטמאָלט געוועזן, האָט זי די גאָטטער געבעטען זיי זאָללען היטען איהר שאָן קינד פֿון שלעכטע אויגען און ניט לאָזען זי זאָלל פֿערפֿיהרט ווערן פֿון שלעכטע מענשען. איינמאָל האָט זיך דאָס מיידעל אין ניל געבאָדען, אַז זי איז אין וואַססער געוועזן איז צו=

געפלויגען א אדלער, האט א האפ געטהון איהר'ס א שיכעל אונ איז אוועקגעפלויגען, דאס מיידעל האט מיט איין שוך געמוזט אהיים געהן, אונ דערצעהלט דער מוטטער וואס איהר האט געטראפען. די מוטטער האט ניט געגלויבט אונ האט זי חושד געוועזן עפּיס שלעכטס אונ זי האט ווידער געבעטען די גאטטער, זיי זאללען איהר דעם אמת בעווייזען.

דער קאניג פרעה מענטעמזאף איז נאך דערנסטמאל א יונגער מאנן געוועזן, אונ פון אללע פּרינצעסינס פון קאניגליכער פאמיליע האט ער זיך קיין פרוי ניט געקאנט אויסקלויבען — די איז שאן אונ ניט קלוג, יענע איז קלוג אבער ניט גענוג שאן, יעדע האט א חסרון געהאט, דעם קאניג האט זיך געוואלט א פרוי מיט אללע מעלות, ער זאלל זי ליעב האבען ווי א פרוי פאר איהר שאנקייט אונ זיין פאלק זאלל זי ליעב האבען פאר איהר חכמה אונ גוטסקייט. זיצענדיג א מאל צווישען זיינע ראטהגעבער אונטערן בלויזען הימעל ביי די טהירען פון זיין הויפטשטאדט צו משפּט'ן זיין פאלק, ווי דער מנהג איז געוועזן, האט זיך גאנץ הויך איבערן קאניג'ס קאפּ אנגעטראגען א גרויסער אדלער אונ האט עפּיס געלאזט אראבפאללען, אונ דעם אין שוים איז אריינגעפאללען א געציערט שיכעלע. דער קאניג האט עס בעטראכט, אונ זיך פערוואונדערט אויף דאס ערדלקייט פון יענעם פיסעל, וואס האט געמוזט אזא געציערט שיכעלע טראגען. קומענדיג צו זיך אין פאלאסט האט ער געלאזט רופען אללע פּרינצעסינס אונ טאכטער פון פּריסטער אונ ראטהגעבער אונ האט געמאלדען, אז וועמען דאס שיכעל וועט פאסטען, וועט ער פאר זיין פרוי אונ קאניגין מאכען. אוודאי האט יעדע געוואלט דאס שיכעל זאלל איהר פאסטען, אבער עס האט זייער מיה ניט געהאלפען. דער קאניג, וואס האט געגלויבט, אז דערמיט האבען איהם די גאטטער אנגעוויזען ווער זיין בעשערטע איז, האט געזעהן, אז קיינע פון די פערזאממעלטע פּרינצעסינס קאן זיין פרוי ניט זיין, דאריבער האט ער צוגערופען צוויי גרויסע לייט, געטרייע פריינד, זיי דערלאנגט דאס שיכעל, מיט דעם יענעם מיידעל צו געפינען, וועמעס דאס איז אונ זי ברענגען צו איהם. די גרויסע לייט זיינען אומגעגאנגען פון שטאדט צו שטאדט, פון דארף צו דארף, זיי האבען ערגעץ אזא מיידעל ניט געפונען וואס דאס שיכעל זאלל איהר פאסטען, אונ האבען שוין בעשלאסען צו געהן צוריק אונ זאגען דעם קאניג אז אזא, וואס זיי האבען געזוכט איז גאר אויף דער וועלט נישטא. געהענדיג צוריק איז אין א מיטען וויכטע א שטורם ווינד געווארן, וואס מעהר זיי האבען זייערע עולען אנגעהייבען טרייבען גיכער צו א שטאדט צו צוקומען, וואס איז ניט וויט געוועזן, דאס שטארקער האט זיי דער ווינד געשטויסען צוריק אונ זיי האבען זיך געמוזט אומקעהרן צוגעהן וואו דער ווינד טראגט זיי. נעבען א קליין שטיבעל האט דער שטורם אויפגעהערט. פארבייגעהענד פריהער פאר דעם שטיבעל האבען זיי זיך אפילו ניט געוואלט אבשטעלן, ווארום ניט

אין אַזעלכע נידריגע אָרעם הייזלעך, האָבען זיי געררעכענט, קאָנן פֿאַר דעם גרויסען קאָניג פֿון מִצְרַיִם אַ פֿרוי געבוירן ווערן. אַז זיי האָבען פֿון ווינדט שוין קיין כּח געהאַט ווייטער צו געהען, איז ביי זיי געבליבען אַריינגעהן אין שטיבעל דאָ נאָכטיגען און זיך אויסרוהען. עס איז שוין פֿינסטערליך געוועזן, אַ אַלטע פֿרוי האָט זיי פֿריינדליך אין נאָמען פֿון די גאָטטער בעגריסט, און האָט געהייסען איהר טאָכטער זיי די פֿיס אַרומוואַשען פֿון דעם שטויב פֿון וועג. מיט גרויס צְנִיעוּת און געשיקליכקייט האָט דאָס מיידעל געטהון אַלץ וואָס די מוטטער האָט בעפֿאָהלען. אַז די רייזענדער האָבען אויף מאָרגען פֿריה געוואָלט זעהן דאָס מיידעל, וואָס האָט זיי אַזוי פֿרום בעדיענט און קלוג געענטפֿערט אויף אַלץ וואָס זיי האָבען געפֿרעגט, איז זי אין שטיבעל ניט געוועזן. נאָך ביי נאַכט האָט זי די מוטטער בעהאַלטען, ווי שטאַנדיג ביי אַזאַ געלעגענהייט. וואו איז דיין טאָכטער וואָס האָט אונז בעדיענט? האָבען די גאָסט געפֿרעגט. די אַלטע איז דערשראָקען געוואָרן, אַז זי האָט דערזעהן ווער די רייזענדער זיינען, און נאָך מעהר, וואָס זיי פֿרעגען אויף איהר טאָכטער. קיין גוטס וועט שוין דערפֿון ניט אַרויס, האָט זי געטראַכט. מיט טהרערן האָט זי זיי ביי דעם נאָמען פֿון די גאָטטער בעשוואָרן, זיי זאָללן קיין שלעכטע מַחֲשָׁבָה האָבען ניט אויף איהר ניט אויף איהר טאָכטער. זיי האָבען געשוואָרן, אַז זיי מיינען נור צו בעדאַנקען פֿאַר איהרע קלוגע תְּשׁוּבוֹת אויף אַלץ וואָס זיי האָבען זי געפֿרעגט.

וואָס אָבער האָסט דו מוֹרָא? האָבען זיי געפֿרעגט, איז זי פֿרום וועט זי זיך אלליין היטען!

די אַלטע האָט זיי דערצעהלט איהר דְאָגָה וועגען איהר טאָכטער, ווי זי איז אַללע מאָל אַ גוטע, אַ קלוגע און אַ פֿרומע, נור צייט אַ האַלב יאָהר צוריק איז זי אַ מאָל זיך באָדען געגאַנגען און געקומען צוריק נור מיט איין שוך; און וואָלט זי דעם אֱמֶת געזאָגט, אַז זי האָט דאָס שיכעל אין זאַמד פֿערלאָרן, וואָלט איך געגלויבט, וויל אַ זוינס קאָנן זיך טרעפֿען, זי האָט אָבער אַ ליגען אויסגעטראַכט, אַז אַ אָדלער האָט איהר שיכעל צוגעכאַפּט און איז אוועק געפֿלויגען, און דאָס מאַכט מיר אַנגסט: איך גלויב זי ניט מעהר, צי איז ניט דער אָדלער עפּיס אַזוי אַ פֿערפֿיהרער, וואָס מיינט מעהר איהר לייב ווי איהר שוך... אויסהאָרנדיג די געשיכטע, האָבען די גאָסט פֿערוואונדערט זיך אָנגעקוקט. זיי האָבען באַלד דערקענט, אַז דעם ווינד האָבען די גאָטטער געשיקט זיי אין רעכטען וועג צו פֿיהרען. „זיי רוהיג, האָבען זיי געזאָגט, אַז אַ ווינד קאָנן זיין אַ שָׁלִיחַ פֿון די גאָטטער פֿאַר וואָס זאָלל עס אַיין אָדלער ניט קאָנען זיין?" זיי האָבען איהר דערצעהלט צוליעב וואָס זיי פֿאָהרען און ווי דער ווינד האָט זיי צוגעשטויסען צו איהר שטיבעלע, וואו זיי האָפֿען צו געפֿינען די וואָס זיי זוכען. די מוטטער האָט די טאָכטער באַלד אַריינגעפֿיהרט, אָבער איהר נאָך גאָר נישט דערצאָהלט. די גאָסט, וואָס האָבען געכטען אין דער פֿינסטער איהר פָּנִים ניט

געזעהן האבען זיך פערוואונדערט אויף איהר שאנקייט אונ האבען איהר באלד דער־צעהלט ווי גליקליך זי קאנן זיין, ווענן דאס שיבעל וועט איהר פאסטען. זי האט נור פארשאמט די אויגען אראבגעלאזען, אונ חאטש זי האט איהר שיבעל באלד דערקענט האט זי עס ניט געוואלט אנטהון.

פאר וואס מאסט דו דאס שיבעל ניט אן? האבען זיי געפרעגט, ווילסט דו סיין קאניגין ניט זיין?

געגען דעם וויללען פון די גאטטער, קאנן א מענשענס וויללען ניט העלפען! האט זי געאנטפערט אין א האלב יאהר האט מיין פוס געקאנט גראסער־אונ דאס שיבעל קלענער־ווערן, אונ איך וויל מיין גליק אויף אזא פראבע ניט שטעלן... מיר איז גענוג, וואס מיין מוטטער ווייסט איצט, אז איך האב איהר קיין ליגען ניט אויסגעטראכט.

די מוטטער האט איהר פארט אנגעכאפטען דאס שיבעל, אונ די צוויי גרויסע לייט האבען זיך פאר איהר געבוקט ווי פאר זייער צוקינפטיגע קאניגין. זיי האבען זי מיט דער מוטער צוזאמען צום קאניג אין פאלאסט געבראכט. קיינער האט אזא שאנהייט אין לעבען ניט געזעהן, אונ ווי שאן איהר געשטאלט אזוי קלוג זיינען איהרע אנטווארטען געוועזן אויף אללע פראגען אונ רעטעניסען, וואס דער קאניג מיט זיינע ראטהגעבער האבען זי געפרובט. שטאלץ אונ אהן שרעק האט זי אויף אלץ געקוקט אונ בעטראכט. ווילסט דו דא ביי מיר בלייבען? האט דער קאניג געפרעגט.

דערצו מוזט דו מיך פריהער אזוי גרוים מאכען ווי דו אלליין ביזט! האט זי געאנטפערט שטאלץ, אונ דערמיט איהם צו פערשטעהן געגעבען, אז זי וויל נור זיינע א געזעצליכע פרוי זיין, אבער ניט זיין געליבטע אדער קעבסווייב ווי די מאדע איז דאן געוועזן.

דער קאניג האט איהר באלד די עגיפטישע קרוין אנגעטהון, די האכצייט איז א יום טוב געוועזן אין גאנצען לאנד, דאס פאלק האט זיך געפרייהט, וואס די עגיפטישע קאניגען, אונ דוקא די שאנסטע אונ קלוגסטע פון אללע, איז איינע פון זיינע טאכטער; די גרויסע לייט אונ די פריסטער האבען אבער דערפאר א שנאה געטראגען אויפ'ן קאניג אונ די שנאה, דערצאהלט די לעגענדע, איז די סבה גע־וועזן, וואס זיי האבען איהם געטוידעט, אונ וואס די שאנע קאניגין האט, אין נקמה פאר איהם, אויך איהר לעבען פערלארן.

די אראביער, וואס וואהנען נאהענט פון דעם ארט וואו איהר פיראמידע שטעהט, דערצאהלען נאך איצט, אז אללע טאג מיטטאג־צייט, געהט די שאנע קאניגין פון איהר פיראמידע ארוים, אין לאנגע קליידער, הויך אונ מאעסטעטיש, איהרע לאנגע שווארצע ברעמען פערשטעלן איהרע דונקעל בלויע אויגען, אונ גיט זי א קוק אויף דעם וואס דערזעהט זי, ווערט יענער באלד ווי פון א כשוף צוגעצויגען, קיין שכל אונ קיין שטארקער רצון העלפען שוין ניט זיך צוריק צוהאלטען, ער לויפט

זו איהר, נאָר וואָס נאָהענטער, איהם דו״ט, ער קומט צו דאָס וויטער ווערט זי, און אַזוי פֿערבלאָנזעט ער אין דער ווילדער וויסטע, פֿערטריקענט פֿון דורסט און ערברענט פֿון ליעבע, עס ווערט איהם נמאָס די וועלט, נור זי שטעהט איהם פֿאַר די אויגען און אַזוי באַנגט ער און טראַכט נור פֿון איהר, ביז עס געהען איהם אוים די כחות און שטאַרבט מיט אַ פֿרידליכען זעליגען טוידט.

נאַטירליך איז די געשיכטע פֿון דער קאָניגין אין גאַנצען אַ לעגענדע, אָבער די לעגענדע אַליין ווייזט שוין אויף געוויסע האָף־אינטריגען צו יענער אַלטער צייט, און יעם בעגריף פֿונ׳ם פֿאָלק, פֿון אָרדענטליכקייט און געטרייקייט.

פֿון די אַללע קאָניגע, וואָס האָבען רעגירט אין דער זעכסטער דינאַסטיע, אויך אין די אַללע אַנדערע רעגירונגס צייטען, ביז דער 11־טער דינאַסטיע, דערצאָהלט די עגיפּ־טישע געשיכטע כמעט גאָר נישט, מען ווייסט נור, אַז אין נוביען, אָדער עטהיאָפּיען, וואָס איז דאָס לאַנד פֿון די כושים געוועזן, נעבען דעם אייגענעם ניל האָבער אין דרום אַרויף, האָבען זיך פֿיעל גאָלד גריבער געפֿונען, וואָס האָט יענס לאַנד, זעהר רייך געמאַכט, און וואָס צוליעב דעם האָבען אַללע עגיפּטישע קאָניגע פֿון די 6 דינאַסטיען נים אויפֿגעהאָרט מיט די כושים מלחמה צו האַלטען, די גאָלד גריבער ביי זיי אָבצונעהמען. די כושים זיינען אָבער אויך אַ שטאַרק פֿאָלק געוועזן, און האָבען זעלטען ווענן אַ שטיקעל ערד פֿון זייער לאַנד געלאָזט רויבען.

## די טהעבאַנישע דינאַסטיען, דאָס לאַבאַרינט און מרה (מאָרים־זעע).

די הויפּשטאָדט מעמפֿיס, איז פֿאַר דער צייט פֿון דער 6 ביז דער 11־טער דינאַסטיע אַלץ אָרעמער און קלענער געוואָרן, וועהרנד טהעבען (נא אָמון), אָדער די הונדערט־טהויעריגע שטאָדט, איז אַלץ גראָסער און רייכער געוואָרן. פֿונדעסטוועגען ווערט וועניג דערצאָהלט אין דער עגיפּטישער געשיכטע פֿון די קאָניגע פֿון דער 11־טער דינאַסטיע, אויסער דעם, וואָס זייער הויפּטשטאָדט איז געוועזן טהעבען, און אויסער, וואָס זיי האָבען נור געזאָרגט ווי די שטאָדט שאָנער און גראָסער צו מאַכען. ערסט וועגען פּרעה אוזאָרטעזען דעם דריטען ווערט דערמאָנט, אַז ער האָט נאָך אַ שווערער מלחמה פֿאָרט איינגענומען דאָס לאַנד כוש (עטהיאָפּיען) און נים נור די גאָלד גריבער אָבער אויך דאָס גאַנצע עטהיאָפּישע פֿאָלק אונטערטהאָניג געמאַכט דער עגיפּטישער קרוין. פֿון דעם קאָניג אוזאָרטעזען דעם דריטען, ווערט דערצאָהלט, אַז ער האָט אויסער גרויסע גליקליכע מלחמות, אין וועלכע ער האָט צושלאָגען און צו־טריבען די אַללע אַרומיגע נאָמאַדען פֿאָלקער, אויך זעהר פֿיעל געטהון פֿאַר דעם אויסבעסערן דאָס לאַנד זעלבסט. בעריהמט איז זיין ווערק, דער קאַנאַל, וואָס

ער האָט געלאָזט גראָבען צו צופֿיהרען דאָס ניל־וואַססער צו אַ פֿלאַך לאַנד הינטער די בערג און האָט דערמיט אַ שטיק מִדְבָּר, אויף מיילען ווייט, געמאַכט פֿאַר אַ פֿרוכטבאַר לאַנד. דורך דעם פֿעטען שליים, וואָס בלייבט יעדעס יאָהר פֿון דער אויספֿלייצונג איז יענע וויסטע ערד פֿרוכטבאַר געוואָרן און עס איז דעם פֿאָלק צוגעקומען אַ גרויס שטיק לאַנד צו זאָען און צו בעאַרבייטען. דאָס לאַנד הייסט אין עגיפּטישער געשיכטע: פֿאַיום.

נאָך בעריהמטער פֿאַר איהם האָט זיך געמאַכט זיין נאַכפֿאָלגער, פּרעה אַמענעמהאַט דער דריטער. אין זיינע צייטען פֿלעגט נאָך דאָס וואַססער פֿון ניל שטייגען מיט אַכט מעטער העכער ווי איצט, ווי עס ווייזט דער צייכען, וואָס ער האָט געלאָזט אויסהאַקען אויף אַ פֿעלז ווי הויך דאָס וואַססער איז אין זיין צייט געשטיגען. צו רעגולירען די אויספֿלייצונג זי זאָלל ניט צופֿיעל שאָדען טהון און אויך עס זאָלל זיין אַ שטאָנדיגער רעזורוואַר וואַססער, וואָס זאָלל גענוג זיין די וויטערע פֿעלדער אין דער טרוקענער צייט צו בעוואָסערן, און זעלבסט דעם ניל צו פֿערגראָסערן, בְּעֵת דאָס וואַססער ווערט קליין און שיפֿען זיינען געשטאָרט צו געהען אויף איהם, האָט דער קלוגער קאָניג פֿערטראַכט אַ גראַנדיאָזען פּלאַן.

אין מַעֲרָב זייט ניל געגען דער אַלטער הויפּטשטאָדט מעמפֿיס, הינטער דעם לובישען בערג פּאַס, ברייטעט זיך אויס אַ אונגעהייר גרויסער זאַמדיגער טהאָל. די לובישע בערג לאָזען די אויספֿלייצונג ניט דערגרייכען צו דעם טהאָל, אויף דעם אָרט, האָט ער דערקענט, קאָנן מען מאַכען אַ גרויסען וואַססער־בעקען, וואָס זאָלל ניט נור די אויספֿלייצונג קלענער מאַכען, אָבער וואָס זאָלל אויך גענוג זיין דעם ניל גראָסער צו מאַכען אין די צייטען ווענן ער איז צו נידריג. צו דעם צוועק האָט ער אין רעכטען מיטען טהאָל, וואו די אָבערפֿלאָכע איז נידריגער געוועזן ווי אַרום, געלאָזט גראָבען אַ געוואַלדיג גרויסע און טיפֿע אָזערע. אַרום דער אָזערע האָט ער געלאָזט מאַכען אַ שטאַרקען וואַל 50 מעטער די הויך, $3\frac{1}{2}$ מעטער די דיק, און איבער 200 קילאָמעטער די לענג אַרום, פֿון דאַנען אָן האָט ער דורכגעגראָבען דורך די בערג צוויי ברייטע טיפֿע קאַנאַלען מיט שלוזען ביי ביידע ברעגען, אַזוי האָט ער די אָזערע פֿעראייניגט מיט'ן ניל. צו דער צייט פֿון אויספֿלייצונג ווערן די שלוזען געאָפֿענט און דאָס ניל וואַססער פֿיללט אָן, אין אויספֿלייצונגס צייט, די גרויסע קינסטליכע אָזערע. ווענן דאָס וואַססער הייבט אָן אָבצופֿאַללען ווערן די שלוזען פֿערשפּאַרט און די גאַנצע מענגע וואַססער בלייבט איינגעשפּאַרט אין דעם מיילען וויטען רעזורוואַר. דורך דעם קאָנן דער ניל קיינמאָל אַזוי הויך ניט אַרויפֿשטייגען, פֿון דאַנען ציהען זיך קלענערע קאַנאַלען, אין טרוקענער צייט די פֿעלדער צו בעוואָסערן, אויך ווערט פֿון דעם וואַססער רעזורוואַר, דורך זיינע צוויי גרויסע קאַנאַללען, אין דער טרוקענער צייט דער ניל זעלבסט פֿערגראָסערט, גרינגער צו מאַכען די שיפֿען וואָס געהען אויף איהם און

בלייבען אין קליין וואַססער צייט אָפּט שטעהן אויף אַ זאַמד. דעם וואַססער-בעקען רופט מען: מָרָה, אָדער מאָרים-זעע. מרה בעדייטעט אויף עגיפּטישע שפּראַכע אַ יַם. אַ מאָליגע היסטאָריקער האָבען געמיינט, אַז דאַריבער הייסט די אָזערע מרה, אויף דעם נאָמען פון דעם קאָניג וואָס האָט זי געלאָזט גראָבען; די נייע ענטדעקונג ווייזט, אַז אַזאַ קאָניג איז אין עגיפּטען קיינמאָל געוועזן, און געגראָבען האָט זי דער קאָניג מאַנעמהאַט פון דער 11-טער דינאַסטיע.

אַזוי בעריהמט ווי מרה איז אויך דער פּאַלאַסט, וואָס ער האָט ניט ווייט פון מרה געלאָזט בויען. פיעל זאָגען, אַז ער איז נור דער אָנהייבער, געענדיגט האָבען שפּעטער אַנדערע קאָניגע. דער פּאַלאַסט איז דער בעריהמטער עגיפּטישער לאַבירינטה.

דער גריכישער געשיכטע שרייבער העראָדאָט, וואָס איז אין עגיפּטען געוועזן און האָט דאָס לאַנד בעשריבען, דערצאָהלט פון דעם לאַבירינטה מיט די ווערטער: „עס זיינען שוין די פּיראַמידען ביי מיר דער גרעסטער וואונדער געוועזן, וואָס איך האָב נור אין מיין לעבען וועגן געזעהן, אָבער דאָס לאַבירינטה ווענט אַללע פּיראַמידען אַראָב. ער האָט 12 בעדעקטע הויפען, זעכס טהייערן געגען זעכס, אַללע אַרומגעשלאָסען מיט איין מויער. דריי טויזענד צימערן האָט דער פּאַלאַסט, 1,500 איבער דער ערד און אַזוי פיעל אונטער דער ערד. אין די אייבערסטע צימערן בין איך אַליין געוועזן, און וואָס איך בעשרייב האָבען מיינע אויגען געזעהן, אָבער איז דען מאָגליך אַזאַ רייכקייט, אַזוי פיעל קונסט און מענשליכע אַרבייטס קראַפט אויסצושרייבען? ווי פערשיעדען זיינען די קאָרידאָרען, טרעפּ און אַלעען, וואָס פיהרען פון איין צימער צום אַנדערן! אָט קומט מען פון הויף אין אַ צימער און אָט איז מען ווידער ערגעץ אין אַ אַנדער הויף. דאָ ציהען זיך ווי האַלען אַ רייהע צימערן, וואָס איינס איז רייכער און בעפּוצטער פאַר׳ן צווייטען, אַלץ איז פון טהייערן מראַמאָר, אַללערליי פאַלירטע גראַניט פאַרבען. די וואָנד בעמאָהלט מיט בילדער און היראָגליפען-שריפט, יעדער הויף האָט זיילען-וועגען, זיילען פון איין שטיין, וואָס יעדע פון זיי האָבען צענדליגער טויזענדער מענשען-האַנד געאַרבייט יאָהרען לאַנג נאָכאיינאַנד. אַלץ וואָס איך האָב אין גריכענלאַנד געזעהן, אַללע גריכישע טעמפּעל, פּאַלאַסטען און קינסטליכע אויסאַרבייטונג צוזאַמען, קאָנען זיך ניט גלייכען מיט דעם לאַבירינטה, עס ווענט זיי אַללע אַריבער. אין די אונטערסטע צימערן האָט מען מיך ניט אַריינגעלאָזען. דאָרט געפינען זיך די פערבאַלזאַמירטע קאָרפּער, האָט מען מיר געזאָגט, פון די וואָס האָבען דאָ אַ מאָל אויבען געוואָהנט״.

נאָך מעהר בעוואונדערט העראָדאָט דעם מאָרים-זעע (מָרָה). חוץ די אַללע וואונדער, וואָס ער דערצאָהלט זיך אָן פון דעם אונגעהייער גרויסען קינסטליכע וואַססער-באָקען, פון זיינע קאַנאַלען, מויערן און גאָרטנער וואָס ציהען זיך צענדליגע

מיילען אַרום איהם, דערצאָהלט ער פֿון 22 אַרטען פֿיש, וואָס ווערן געפֿאַנגען אונ גיבען הַכְנָסָה איין טאַלענט זילבער יעדען טאָג.

דאָס לאַבירינטה האָט געדינט, איז מען מְשַׁעֵר, פֿאַר אַ פּאַלאַסט אונ טעמפּעל צוגלייך. אין איהם זיינען אַללע עגיפּטישע היילינגטהימער געווען, אַללע גאָטטערבילדער אונ סטאַטוען, אין איהם האָבען זיך אויפֿגעקליבען אַללע פּריסטער אונ פֿירסטען צו בעראַטהען זיך וועגען רעגירונגס אַנגעלעגענהייטען.

## די היקשאָס (הירטען קאָניגע).

אין די צייטען, ווענן אין מִצְרַיִם האָבען רעגירט די קאָניגע פֿון דער 14=טער דינאַסטיע איז אַ גרויסע אויפֿריהרונג פֿאָרגעקומען צווישען די נאָמאַדען פֿאָלקער, וואָס האָבען געוואָהנט אין אַזיען, אין לאַנד כְּנַעַן אונ אויך אין די לאָנדער אַשור אונ בָּבֶל. מאַנכע געשיכטע שרייבער זיינען מְשַׁעֵר, אַז די אויפֿריהרונג איז געווען פֿון כְּדָרְלָעוֹמֶר'ס מִלְחָמוֹת מיט די קאָניגע, וואָס האָבען זיין יאָך פֿון זיך אַראָבגעוואָרפֿען אונ איהם מעהר ניט געוואָלט דינען, דורך דעם איז געוואָרן אַ פֿאָלקער וואַנדלונג פֿון סעמיטישע שטאַמען. פֿיעל פֿון זיי האָבען זיך אין מצרים אַריינגעריסען אונ דאָס לאַנד ווי אַ היישרעק בעפֿאַללען. געוויס האָבען יענע שטאַמען פֿון דער רייכקייט אונ געראַטהענקייט פֿון מצרים געהאָרט אונ זיינען געקומען דאָס לאַנד צו פּלינדערן. מענשען אונ טהירע האָבען זיי געטוידט, שטאָדט אונ דאָרפֿער חָרֵב געמאַכט, דעם עגיפּטישען קאָניג געטוידט אָדער פֿערטריבען, אונ האָבען זייער אייגענעם אַנפֿיהרער פֿאַר קאָניג געמאַכט. דאָס איז דאָס ערסטע מאָל אין דער לאַנגער עגיפּטישע געשיכטע, וואָס אין לאַנד האָט געהעררשט אַ פֿרעמדער קאָניג אונ אַ פֿרעמד פֿאָלק. דאָס איז געשעהן אַ עֶרֶך אין יאָהר 1780 פּ' (א. התקפ"א).

די מִצְרִים האָבען זיי גערופֿען: „היק=שהוס": „הירטען קאָניגע". מיט דער צייט זיינען זיי פֿאַר מצרים ניט שלעכטע העררשער געוועזן. גיך האָט זיך דאָס היקשאָס פֿאָלק מיט דיעם קאָניג צוזאַמען אָנגעהייבען פֿיהרען נאָך אַללע עגיפּטישע מִנְהָגִים. זיי האָבען געזוכט זיך געפֿעלליג צו מאַכען ביי'ם עגיפּטישען פֿאָלק, צוליעב דעם האָבען זיי אָנגעהייבען דינען עגיפּטישע גאָטטער אונ געטהון אַלץ וואָס מעגליך ווי דאָס לאַנד אונ פֿאָלק זיכערער צו מאַכען פֿון אַנפֿאַללע פֿון אַנדערע פֿאָלקער, וואָס זיינען צו יענער צייט פֿיעל געוועזן אומעטום. צוליעב דעם האָבען זיי אַיינגעפֿיהרט אַ בעשטאָנדיגען געלערנטען חַיִל, וואָס האָט געזיכערט דאָס לאַנד פֿון אויסוועניגסטע פֿיינד אונ דעם קאָניג פֿון די אינוועניגסטע, דאָס הייסט: פֿון די עגיפּטישע פֿירסטען, וואָס זיינען נאָך אונאַבהאָנגיג געבליבען אין אָבער עגיפּטען אונ האָבען רעגירט אין

טהעבען. **די היקשאָס קאָניגע האָבען רעגירט אין טאַניס** (צוֹעַן), **וואָס איז אין אונטער**-עגיפּטען אין דער דעלטאַ געגענד.

**פיעל גוטע זאַכען האָבען די היקשאָס קאָניגע איינגעפיהרט אין לאַנד.**

די עגיפּטישע קאָניגע האָבען קיינמאָל אַ פרעמדען אין זייער לאַנד ניט אַריינגעלאָזען, איז געקומען אַ שיף אויפ'ן ים עפּיס קויפען אָדער פאַרקויפען, האָט זי געמאָגט צוגעהן ביז אַ געוויסען פונקט אין קאַנאָפּישען ניל; קוים איז זי אַ טריט ווייטער געגאַנגען האָט מען געטוידט די מענשען, און די שיף מיט אַלץ וואָס אין איהר האָט געהאָרט צום קאָניג. די היקשאָס קאָניגע, פערזיכערט אויף זייער געלערנטען חַיִל, האָט דאָס לאַנד פריי געמאַכט פאַר קויפלייטע, וואָס קומען קויפען אָדער פערקויפען, און אויך ערלויבט איינצעלנע פאַמיליען זיך צו בעזעצען אין לאַנד. דורך דעם איז מִצְרַיִם ווייט אַרום בעוואוסט געוואָרן מיט איהרע תְּבוּאוֹת און דאָס פאָלק איז דערפון רייך געוואָרן; אויך זיינען די היקשאָס געוועזן די ערסטע, וואָס האָבען דאָס פערד אין מצרים אַריינגעפיהרט. ביז זיי האָבען די מִצְרִים נאָך ניט געוואוסט ניט פון פערד, ניט פון די נוטצען וואָס מען האָט פון איהם. פון די היקשאָס האָבען זיי געלערנט דאָס פערד האָדיווען און געברויכען, און מצרים איז דערנאָך דער גראָסטער פערד-מאַרק געוואָרן פאַר דער אַלטער וועלט. חוץ דעם האָבען די עגיפּטער דורך די היקשאָס בעקאַנטשאַפט געמאַכט מיט אַנדערע פאָלקער, בעזונדערס מיט בָּבֶל, און האָבען פון דאָרטען פיעל נוטצליכע וויסענשאַפט, חוץ מִסְחָר, געלערנט. דאַריבער זיינען די היסטאָריקער מְשַׁעֵר, אַז טאַקי אין די היקשאָס צייטען, איז אַבְרָהָם געוועזן אין מצרים, וואו ער איז אָרדענטליך בעהאַנדעלט געוואָרן. שפּעטער איז אויך יוֹסֵף דאָרט מִשְׁנֶה לְמֶלֶךְ געוואָרן, און זעלבסט יַעֲקֹב מיט זיין פאַמיליע זיינען פאַר ליבע גאָסט אויפגענומען געוואָרן; ווייל די היקשאָס זיינען אויך פון די סעמיטישע, פערוואַנדטע פאָלקער געוועזן מיט זיי. עס קאָנן זיין, אַז די גאַנצע צייט, וואָס האָבען נאָך אין מצרים געהערשט די היקשאָס קאָניגע, איז די בְּנֵי יִשְׂרָאֵל גוט געוועזן, מען האָט זיי ניט גערעכענט פאַר פרעמדע. גֹּשֶׁן איז איינע פון די בעסטע געגענדען געוועזן אין דער פּעטער דעלטאַ און אין דער געגענד האָבען זיך די בְּנֵי יַעֲקֹב פערמעהרט און זיינען קיינעם צו גרוים אין די אויגען ניט געוועזן.

די עגיפּטישע פירסטען פון טהעבען האָבען אָבער ניט געקאָנט צופרידען זיין מיט די פרעמדע היקשאָס הערשער, חאָטש דאָס פאָלק און לאַנד זיינען רייך געוואָרן. זיי האָבען זיך כְּסֵדֶר געפּרובט די היקשאָס צו פערטרייבען און די רעגירונג איבער אונטער-עגיפּטען צונעהמען אין זייערע האַנד. נאָך אַ שווערער און לאַנגער מִלְחָמָה האָט זיי געלונגען די היקשאָס צו פערטרייבען און גרינדען אַ נייע דינאַסטיע, און דאָס איז געוועזן דער מֶלֶךְ חָדָשׁ, דער נייער פַּרְעֹה, וואָס האָט ניט געקענט יוסף'ן. — **די בני ישראל האָבען ביז דאַן אין גושן געלעבט, אַ אָבגעזונדערט**

פאָלק, חאָטש מיט די היקשאָס פון איין שׁרש, אָבער זייערע גאָטטער האָבען זיי ניט
עדינט און מיט זיי אַלליין זיך ניט אויסגעמישט, דאַריבער, אַז מען האָט די היקשאָס
עטוידט און פערטריבען, האָט מען די בּני־ישׂראל ניט גערעכענט פאַר פיינד פון'ם
לאַנד און מען האָט זיי געלאָזען. ערסט שפּעטער, אַז מען האָט זיך אַרומגעקוקט,
אַז עס איז אַ גרויס פאָלק געוואָרן, האָט מען אָנגעהייבען מורא האָבען, טאָמיר
פאַללען די היקשאָס ווידער אָן, וועלען די בני־ישראל צושטעהן צו זיי, דאַריבער האָ־
בען זיי געזאָגט: הָבָה נִתְחַכְּמָה לו, לאָמיר זוכען איין עֵצה ווי דאָס פרעמדע פאָלק
אָבצושוואַכען. דאַנן האָט זיך דער רעכטער גָלות מִצרַיִם אָנגעהייבען. די היקשאָס
האָבען קיין פיראַמידען ניט געבויט, די נייע עגיפּטישע קעניגע האָבען זיי ווידער
אָנגעהייבען בויען און געצוואונגען די בּני־יַעֲקב צו דער אַרבייט.

מאַנעטהאָ, בערעכענט די צייט, וואָס די היקשאָס האָבען רעגירט אַ מֶשֶׁך
פון 511 יאָהר. די נייע היסטאָריקער רעכענען נור אַ משך פון 250 יאהר, ווייל אין
אַ צייט פון 500 יאָהר ווי מאַנעטהאָ בערעכענט, וואָלט דאָס עגיפּטישע פאָלק לאַנג
זיין לָשון און זיטטען פערגעסען, אונטער דער הערשונג פון אַ פרעמד פאָלק אויף
איהם. עס איז אָבער קיין רַאָיָה ניט: די היקשאָס זיינען בעדייטענד וועניגער געוועזן
פאַר די עגיפּטער און האָבען גיכער געזוכט אָנצונעהמען דאָס עגיפּטיש לשון און
מִנְהָגִים ווי די עגיפּטער זייערע. קיין ריכטיגע בעשטימונג אויף דעם מֶשֶׁך צייט, וואָס
די היקשאָס האָבען רעגירט, איז נישטאָ.

---

## די נייע עגיפּטישע מְלוּכָה און רַעְמְסֵס דער צווייטער.

ניט גרינג איז די טהעבאַנישע פירסטען אָנגעקומען די היקשאָס צו פערטרייבען.
זעלבסט, ווענן פון לאַנד און אָפענע שטאָדט, האָט מען זיי פערטריבען, זיינען נאָך
פיעל פון זייערע פירסטען מיט אַ גרויסען חַיִל געבליבען אין דער פעסטונג האַטואַר.
לאַנג האָט מען די פעסטונג בעלאַגערט, די היקשאָס האָבען ווי די לייבען געשטרי־
טען און די פעסטונג ניט געלאָזט נעהמען. ענדליך האָט זיך דעם טהעבאַנישען
פירסט, אַאהמעס, איינגעגעבען אָבצוציהען דאָס וואַססער פון פעסטונג, און דער דורסט
האָט די העלדען געצוואונגען דורך דעם פיינדס אַרמעע זיך דורכצורייסען און צו
ענטלויפען פון דעם לאַנד, וואו זיי און זייערע עלטערן האָבען אַזוי לאַנג רעגירט.
דער פירסט אַאהמעס איז קעניג געוואָרן, איין פַּרְעה איבער גאַנץ מִצְרַיִם. פון איהם
הייבט זיך אָן די נייע עגיפּטישע געשיכטע, און דאָס ניי אויפלעבען פון דער הויפּט־
שטאָדט טהעבען, וועלכע איז אין די היקשאָס צייט שטאַרק געפאַללען געוועזן.

דער נִצָחון אויף די היקשאָס האָט אַ נייען גייסט געגעבען די עגיפּטישע קאָניגע, וואָס האָט זיי שוין געטריבען פרעמדע לאַנדער אָבנעהמען ביי אַנדערע פאָלקער, אונ מִצְרַיִם איז אַ שרעק געוואָרען פאַר די פאָלקער פון וויט אַרום.

דער קאָניג טהוטמעס דער 1-טער, איז שוין מיט זיין אַרמעע געוועזען וויט אין מעסאָפּאָטאַמיען (אֲרַם נַהֲרַיִם), ער האָט אָבער דאָס לאַנד ניט געקאָנט איינעהמען, ערסט טהוטמעס דער 3-טער, האָט גאַנץ מעסאָפּאָטאַמיען איינגענומען אונ האָט דאָס פאָלק חִתִּי אונטעריאָכט. זיין אורעניקעל פַּרְעה אַמענהאָטעפּ דער 3-טער, האָט נאָך ביי די איינגענומענע פאָלקער גרויסע צינזען יעדעס יאָהר גענומען. ערסט אין די צייטען פון אַמענהאָטעפּ דעם 4-טען האָט די מאַכט פון מצרים אָנגעהויבען פאַללען. אַמענהאָטעפּ, דעם 4-טען האָט זיך פערוואָלט אָבצושאַפען די פיעל געטטער, וואָס דאָס פאָלק דיענט צו זיי, אונ האָט געהייסען דינען נור צו דער זונן אַלליין. צווישען די צוויי הויפּטשטאָדט, מעמפיס אונ טהעבען, האָט ער אויסגעבויט אַ גרויסע שטאָדט, וואָס האָט געהייסען: „די זונען-שטאָדט" (און) (Heliopolis) אונ דאָ האָט ער אַ גרויסען טעמפּעל אויסגעבויט פאַר דעם גאָט רַע, אָדער די זונן.

די עגיפּטישע פּריסטער האָבען פון אַזאַ רעפאָרם אין זייער גלויבען, ניט געוואָלט וויססען אונ באַלד נאָך דעם קאָניגס טוידט האָט מען צושטערט אונ פערוויסט זיין זונען שטאָדט אונ בעניית די עֲבוֹדָה צו אַללע אַ מאָליגע געטטער; דורך דעם אָבער האָט דאָס לאַנד געליטען אונ די מאַכט פון די הערשער איז אָבגעשוואַכט געוואָרען, די פריהערסטע אונטעריאָכטע פאָלקער האָבען זיך אָבגעריסען פון עגיפּטישער אָבערמאַכט. זיי צוריק צו אונטעריאָכען האָבען זיך בעמיהט די אַללע שפּעטערע קאָניגע פון דער 19-טער דינאַסטיע, אונ חאָטש פיעל פון זיי זיינען בעריהמט געוועזען מיט זייערע מִלְחָמוֹת אונ רייכקייט, אָבער עס איז זיי ניט מעהר געלונגען עגיפּטען גרויס צו מאַכען ווי פריהער.

דער גרינדער פון דער נייִנצענטער דינאַסטיע אין 1400 פ. איז געוועזען פַּרְעה-רַעְמְסֵס דער ערסטער, זעכס יאָהר האָט ער געהערשט אונ באַלד נאָך זיין טוידט האָט די קרוין איבערגענומען זיין זוהן שעטי, אָדער שעטהאָס דער ערסטער. דורך איהם האָט די מאַכט פונ'ם לאַנד ווידער אָנגעהייבען שטייגען. מיט אַ גרויסער אַרמעע איז ער אַרויס, פריהער צו דעם האַלבען אינזעל סִינַי אונ האָט אונטעריאָכט די דאָרטיגע נאָמאַדען, פון דאָרט איז ער אַוועק קיין פּאַליסטינאַ, האָט באַלד איינגענומען די כְּנַעֲנִים, צוֹר אונ צִדוֹן, אָדער די פיניקיער, ווי די גריכען האָבען זיי אָנגערופען. אין דער שפּעטערע אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל, האָט דאַנמאָלט געוואָהנט דער חִתִּי (בְּנֵי־חֵת) אונ איז זעהר אַ שטאַרק פאָלק געוועזען. מיט דעם חתי האָט שעטי גאָר נישט געקאָנט מאַכען אונ האָט זיך געמוזט אין מצרים אומקעהרן. בעריהמטער פון איהם איז געוועזן זיין זוהן רעמסס דער צווייטער. די גריכען רופען איהם אָן אין זייער געשיכטע:

זעזאָסטריס, און הערדאָט דערצעהלט פון איהם די גרעסטע וואונדער, וואָס אַ עגיפּטישער הערשער האָט אַ מאָל אויפגעטהון פאַר זיין לאַנד. אַזוי דערצעהלט ער פון איהם, אַז באַלד ווי ער איז קעניג געוואָרן האָט ער זיך געמאַכט אַ אַרמעע פון זעכס הונדערט טויזענד פוסגעהר, 24 טויזענד רייטער און 27 טויזענד קריעגס־וואַגען (רֶכֶב בַּרְזֶל) און חוץ דעם האָט ער געמאַכט אַ פלאָטע פון זעהר פיעל שיפען. אַ טהייל פון זיי האָט ער אוועקגעשיקט אין מיטטעל־מעער, וואָס האָט איינגענומען די אינזעל ציפּערן (כַּפְתּוֹר) און 400 שיפען האָט ער געשיקט איינצונעהמען אינדיען. ער אַלליין איז מיט׳ן גאַנצען חַיִל פוסגעהער, רייטער און קריגס־וואָגען אוועק קיין אַשור, האָט איינגענומען מָדַי, און איז אין אינדיען געקומען מיט דער יַבָּשָׁה. פון דאָרט איז ער אוועק אין די צָפוֹן לאָנדער, וואו ער האָט איינגענומען אַללע פעלקער, וואָס האָבען זיך גערופען סקיטען, און איז אַזוי ווייט געגאַנגען ביז ער איז געקומען צום טייך דאָן. אומעטהום האָט איהם בעגלייט אַ געלערנטער לייב, וואָס האָט איהם געהיט ווי אַ טרייער קנעכט. אין אַללע לאָנדער, וואָס ער האָט איינגענומען, האָט ער באַלד געלאָזט בויען גרויסע זיילען מיט איין אויפשריפט: „דער קעניג איבער אַללע קעניגע, דער העררער איבער אַללע העררן, האָט דאָס לאַנד איינגענומען מיט דער הילף פון זיין חיל און זיינע וואַפען. איז ער אין אַ נייער שטאָדט אריינגעפאָהרען פלעגען 4 אונטעריאָכטע קעניגע זיין איינגעשפּאַנט אין זיין רייטוואָגען. איינמאָל אַזוי אריינפאָהרענדיג אין אַ שטאָדט, האָט ער בעמערקט ווי איינער פון די איינגע־שפּאַנטע קעניגע קוקט נאָך איינאַנד אויף דאָס ראָד פון וואָגען. „וואָס קוקסט דו אַזוי אויף דאָס ראָד?", האָט איהם דער שטאָלצער פַּרְעה געפרעגט. „אַ, קעניג, האָט איהם יענער געענטפערט, דאָס אומדרעהען זיך פון ראָד דערמאָהנט מיך ווי עס בייט זיך דעם מענשענס גליק, יעדער טהייל פון ראָד איז באַלד אויבען, באַלד אונטען, אַזוי דרעהט זיך אויך דאָס ראָד פון לעבען... נעכטען בין איך אויבען גע־ווען, אַזאַ קעניג ווי דו, און היינט — נידריגער ווי דיין קלענסטער קנעכט. מיין ניט, אַז מען קאָנן דאָס ראָד אָבשטעלען, עס דרעהט זיך, און קיינער ווייס ניט וואָהין דאָס ראָד וועהט איהם מאָרגען אַראָב דרעהען...".

די וואָרטער האָבען אויף איהם איין אַנדרוק געמאַכט, און פון דאַמאָלט אָן האָט ער אין זיין וואָגען נור פערד געשפּאַנט.

די נייע געשיכטע שרייבער האָבען אַרויסגעפונען, אַז די אַללע ערצאָהלונגען פון רַעַמְסֵס דעם צווייטענס גרויסע מִלְחָמוֹת זיינען נור לעגענדען, דערמיט צו פער־גרעסערן זיין רוהם. פון דער מִלְחָמָה, וואָס ער האָט געפיהרט מיט דעם חִתִּי, וואָס האָט דענמאָלט אין פאַלעסטינאַ געוואָהנט און וואָס ער אַלליין דערצאָהלט, אַז ער איינער אַלליין, אָהן זיין אַרמעע, האָט אַ גרויסען חתּי׳שען חַיִל צושלאָגען און האָט דאָס גאַנצע פאָלק איינגענומען, זעהט מען ווי פיעל ער האָט ליעב געהאַט

צו איבערטרייבען זיין נִצָחון אונ זיך בעריהמען מיט ניט געשעהענע העלדענטהאַטען. פֿון איין אַלטען פֿרידענס־אַקט, וואָס עס איז ניט לאַנג געפֿונען געוואָרען, אויף וועלכֿען רַעְמְסֵס דער 2־טער אַלליין איז אונטער שריבען, זעהט מען, אז ער האָט ניט נור דעם חִתִּי ניט צושלאָגען אונ איינגענומען, נור ער האָט נאָך דאָסזעלבע פֿאָלק אַנערקענט פֿאַר אַ זעלבסטשטאָנדיגע פֿאָלק, אונ האָט געמוזט ערלויבען די חתּים פֿריי וואָהנען אין מִצְרַיִם. ביי אַללעם דעם האָט ער אין מצרים פֿיעל סטאַטוּען אונ מאָנומענטען געלאָזט שטעלן, אויף וועלכֿע ער איז פֿאָרגעשטעלט ווי ער שטעהט אויף זיין קריעגס־וואָגען מיט פֿייל אונ בויגען אין האַנד, אַלליין, אָהן זיין אַרמעע, אין מיטען חתּי׳שען לאַגער, ווי עס פֿאַללען אונטער איהם די חתּי׳שע העלדען ווי די פֿליגען אונ זעלבסט דער חתּישער קאָניג ענטלויפֿט פֿאַר שרעק פֿון זיין גְבוּרָה.

גראָסער ווי זיין גבורה אין מִלְחָמָה איז געווען זיין לוסט צו בויען גרויסע פּאַלאַסטען אונ טעמפּלען. עס איז אין גאַנץ מצרים אונ אין נוּבְיָען איין טעמפּעל אונ פּאַלאַסט, אָדער נור חוּרְבָה, נישטאָ, וואָס זאָלל ניט אויסגעקריצט זיין דאָס בילד פֿון רעמסס דעם צווייטען. פֿון די אַלטע מאָנומענטען האָט ער געלאָזט אויסמעקען אונ פֿערווישטען די נאָמען פֿון יענע אַלטע קאָניגע, וועלכֿע האָבען די מאָנומענטען געשטעלט, אונ האָט געלאָזט שטעלן אויף זיי זיין נאָמען אונ זיינע גְבוּרוֹת. אָבער דאָס איז איהם ווייניג געווען, האָט ער פֿיעל געלאָזט איבער בויען אָדער גאָר נייע שטעלן. צווישען אַנדערע וואונדערליכֿע חוּרְבוֹת זעהט מען נאָך איצט אין דעם דאָרף מְדִינַת־אַבוּ, צוויי זיצענדע קאָלאָסאַלע סטאַטוּען פֿון רעמסס דעם 2־טען, יעדער פֿון זיי האָט 61 פֿוס די הויך, אין גאַנצען פֿון איין שטיין אויסגעהאַקט. נאָך וואונדערליכֿער איז זיין קאָללאָסאַלער פּראַכֿטיגער אָבעליסק *), אויף וועלכֿען עס זיינען נאָך ביז היינט קלאָר אונ דייטליך געבליבען די שאַרף איינגעשניטענע אויפֿשריפֿט פֿון זיינע וואונדערטהאַטען, ווי זיי וואָלטען ערסט ניט לאַנג צוריק געמאַכֿט געוואָרען; אונ דאָך זיינען שוין מעהר ווי 3 טויזענד יאָהר אַריבער איבער זיי. אין נוּבְיָען, ביי דער שטאָדט אַבּוּ־שִׂימְבּאַל, געפֿינען זיך פֿון דעם זעלבען רעמסס צוויי טעמפּעל פֿון ברוין געלבע שטיינער, איינעם האָט ער געבויט פֿאַר דעם

*) אָבעליסק איז: אַ פֿיער קאַנטיגער זייל פֿון איין גראַניט שטיין, וואָס ענדיגט זיך אין דער הויך מיט אַ 4 קאַנטיגען שפּיץ. עטליכֿע פֿון זיי האָט מען מיט שווערע מיה קיין אייראָפּאַ געבראַכֿט, אונ אַוועק געשטעלט פֿאַר אַ ציערונג אין פּאַריז, רוֹם אונ לאָנדאָן. זיי איינציגווייז צו ברענגען אונ זיי דערנאָך אויפֿצושטעלן, האָט מען איין עקסטראַ שיף געמוזט בויען אונ מילליאָנען האָנד האָבען שווער געאַרבייט ביי׳ם אָנלאָדען אונ אויסלאָדען פֿון די שיפֿען אונ ביי׳ם אַוועקשטעלען זיי. די גראָסערע זיינען נאָך אָבער ביז איצט אין מצרים געבליבען, וואו זיי שטעהען אין וויסטען זאַמד אַראָבקוקענדיג אויף די חורבות, וואָס זיינען אַ מאָל פּאַלאַסטען געווען, וואָס זיי צו בעשאָנען האָט מען, פֿאַר טויזענדער יאָהר צוריק, זיי אַוועק געשטעלט.

עגיפּטישען גאָטט רַע, דעם אַנדערען האָט ער געבּויט פַאר זיין פרוי נעפרואַר, אַ מַתָּנָה דער גאָטטין האַטהאָר. פַאר דעם טעמפּעל זיצען זעכּס קאָללאָסאַלע סטאַטוען, צו דריי פוּן יעדער זייט; די מיטעלסטע שטעלן פאָר די קאָניגין, די בּיידע זייטיגע — רַעְמְסֵס דעם 2-טען. פַאר רעמססס׳ס טעמפּעל זיצען פיער אַ זעלבע קאָללאָסאַלע סטאַטוען אונ אַלץ מיט זיין אֵייגענער געשטאַלט. איהם רופען די גריכען: דער קאָניגליכער בּוי-מייסטער. אָבער ניט ער אַליין האָט אַלץ געבּויט, נאָך פיעל פריהער, איז שוין טהעבּען בּעריהמט געוועזן מיט אַללע איהרע טעמפּעל אונ פּאַלאַסטען. צו בּעוואונדערן איז דאָס טְהעבּאַנישע טוידטען פעלד (בֵּית־הַקְּבָרוֹת), אויף וועסטען ווייט ציהט זיך אַוועק אויסגעהאַקט אין אַ האַרטען בּאַרג-פעלז אַ צווייסטאָקיגער בֵּית־עוֹלָם, דער אונטערסטער פַאר די רייכע אונ גרויסע לייט, אונ דער העֶכערער פַאר דעם געוואָהנליך פאָלק. די קְבָרִים פוּן געוועזענע קאָניגע זייגען קאַטאַקאָמבּען, מיט גאַללערען אונ זאַלאָנען ווי פּראָכטיגע פּאַלאַסטען אונטער דער ערד געבּויט, מיט טרעפּ, וואָס פיהרען אין בּעזונדערע אָבּטהיילונגען אין זאַלאָנען אונ חֲדָרִים, די אָבּערלאַגע האַלט זיך אויף ריזען-זיילען פוּן איין שטיין קינסטליך אויסגעאַרבּייטע. אַזעלכע קברים געפינען זיך דאָ אַזוי פיעל, אַז עס דאַכט זיך, אַז מען געהט אין אַ אונטערערדיגער גרויסער שטאָדט, וואו אַנשטאָט לעבּעדיגע מענשען זעהט מען נור רייך אונ קינסטליך געציערטע שטיינערנע אונ אלבּאַסטערנע זאַרקאָפאַגען, וואָס אין זיי רוהען יענע, וואָס האָבּען אַמאָל דיזעלבּע געמאַכט. די פיעל פּאַפּירוסען *) וואָס מען געפינט אין אַזעלכע קברים, דערצאָהלען, ווער דאָ ליעגט אונ ווי האָט יעדער פוּן זיי געלעבּט, עהדער זיי זיינען בּעהאַלטען געוואָרן. אַזוי זעהט מען, אַז ניט אַלץ וואָס רעמסס דער צווייטער האָט געהייסען אָנרופען אויף זיין נאָמען האָט איהםווירקליך געהאָרט. ער איז נור איינער פוּן יענע דעספּאָטען געוועזן, וואָס אום זיך אַ גרויסען נאָמען צו לאָזען איז בּיי זיי רעכט אַלטע אויפשריפטען צו פערניכטען אונ זייער נאָמען דאַרויף איינקריצען. מען איז מְשַׁעֵר, אַז ער איז דער פַּרְעֹה, וואָס האָט געצוואונגען די בְּנֵי יִשְׂרָאֵל צו בּויען פִּתֹם אונ רַעְמְסֵס. אויף פיעל שטיינער זיינען נאָך די בּילדער געבּליבּען, וואָס שטעלן פאָר אַרבּייטער, וואָס זיינען אֶהנליך צום יודישען טיפּ, ווי זיי אַרבּייטען בְּחֹמֶר וּבִלְבֵנִים (מיט לעם אונ מיט ציעגעל) אונטער דער בּייטש פוּן די נוֹגְשִׂים אונ שׁוֹטְרִים (צווינגער אונ אויפזעהר). עס איז קיין וואונדער ניט, וואָס ניט אויף די פּיראַמידען אונ טעמפּעל, אונ ניט אין דער עגיפּטישער געשיכטע איז קיין זֵכֶר נישטאָ, ניט פוּן יוסף׳ן אונ ניט פוּן דער געשעהענער יְצִיאַת מִצְרַיִם. די

*) פּאַפּירוס איז אַזאַ בּלאַט, וואָס וואַקסט אין די עגיפּטישע זומפּען. די אַלטע עגיפּטער האָבּען עס צוגעריכט צושרייבּען אויף דעם. פוּן דעם נאָמען „פּאַפּירוס“ שטאַמט דער שפּעטערער נאָמען: „פּאַפּיער“.

אַללע עגיפּטישע מַצֵבות אונ גרויסע בִּנְיָנִים, זיינען געבויט געוואָרן צו ליעב דעם כָּבוד פֿון עגיפּטישע הערשער; יוֹסֵף אָבער איז געוועזן אין דער צייט פֿון די היקשאָס הערשאַפֿט אונ עס זאָלל קיין זֵכֶר בּלייבּען פֿון יענער צייט, האָבּען געזאָרגט די אַללע קאָניגע וואָס האָבּען געהעררשט נאָך זיי. רַעְמְסֵס דער צווייטער, וואָס אין זיין צייט האָט זיך אָנגעהייבּען יְצִיאַת מִצְרַיִם, האָט אַ וַדַאי געזאָרגט, עס זאָלל קיין זֵכֶר ניט בּלייבּען פֿון דעם, וואָס ער האָט געגען זיינע אייגענע קנעכט ניט געקאָנט בּעשטעהן, אונ האָט זיי געמוזט בּעפֿרייען פֿון שווערע אַרבּייט. ער האָט צו יענער צייט ניט געקאָנט רעכענען, אַז דַוְקא די געשיכטע פֿון די געוועזענע קנעכט ויינע, וועט איהם, זיין לאַנד אונ זיין פֿאָלק מעהר פֿערעוויגען אונ כָּבוד מאַכען ווי אַללע זיינע פּאַלאַסטען, טעמפּלען אונ קאָללאָסאַלע סטאַטוען, וואָס ער האָט, אין די 67 יאָהרען פֿון זיין רעגירונגס צייט, ניט אויפֿגעהערט צו בּויען, אָדער, ווענינגסטענס, זיך געמיהט זיין נאָמען זאָלל אויף זיי בּלייבּען.

זיין מומיע (פֿערבּאַלזאַמירטען קערפּער) האָט מען אין יאָהר 1881 געפֿונען אין זיין פּיראַמידע אונ אין אייראָפּאַ געבּראַכט. ווי די געשיכטע בּערעכענט איז ער געשטאָרבּען אין 1230 פֿ. (ב. תקל"א) זיין קערפּער איז נאָך גאַנץ, די געשטאַלט מיט איהרע קנייצען אונ חאַראַקטער-ציגע — אונפֿעראָנדערט געבּליבּען, גלייך ווי יענע בּילדער, וואָס זיינען פֿון איהם געמאַכט געוואָרן, בְּעֵת ער האָט נאָך געלעבּט. די איצטיגע געבּילדעטע וועלט קאָנן זיך ניט אָבּוואונדערן אויף די קונסט פֿון יענע פֿערצייטיגע מאַלער אונ סקולפּטאָרן, וואָס האָבּען שוין דענמאָלט געקאָנט אזוי ריכטיג אַ מענשליך געשטאַלט אָבּמאָהלען.

---

## רַעְמְסֵס דער דריטער. אונ די איבּריגע קאָניגע רעמסס.

ווי רייך די עגיפּטישע קאָניגע זיינען געוועזן בּעווייזט איין אַלטער כְּתַב, וואָס איז ניט לאַנג געפֿונען געוואָרן אין איינעם פֿון די אֶלטעסטע קְבָרִים. אין דעם כתב געפֿינט זיך דער חֶשְׁבּוֹן וויפֿיעל עס האָבּען יאָהרליך איינגעטראָגען די גאָלד- אונ זילבּער-גרובּען, וואָס די עגיפּטישע רעגירונג האָט געהאַט בּיי די גרעניצען פֿון עטהיָאפּיען. נאָך דעם חשבון קומט אוים דורכשניטליך: 32 מילליאָן זילבּער-מינען אין אַ יאָהר. יעדע זילבּער-מינע, בּערעכענט געגען איצטיגע דייטשע געלד, בּעטרעפֿט $108\frac{1}{2}$ מאַרק, זעהט מען, אַז דער קאָניג האָט יאָהרליך, פֿון די גאָלד אונ זילבּער גריבּער אַלליין, בּעקומען 3,472 מילליאָן מאַרק. חוץ דעם האָט כִּמְעַט דער גאַנצער גרונט פֿון דער ערד געהערט צום קאָניג, פֿון יעדעם פֿעלד אונ הויז האָט מען איהם געצאָהלט אָבּגאָבּען. קיין אייגען ערד האָט דאָס פֿאָלק ניט געהאַט,

פֿון די צייטען פֿון דער היקשאָס רעגירונג אָן, ווי עס ווערט אויך דערמאָהנט אין דער ביבעל, ווי יוסף האָט אין די 7 הונגערס־יאָהר אָבגעקויפֿט די גאַנצע ערד ביי אַללע איינוואָהנער פֿונ'ם לאַנד פֿאַר פרעה'ן, אונ ווי עס ווייזט זיך פֿון עגיפּטישע אַלטע כּתבים אַרויס, איז די גאַנצע ערד געבליבען פֿאַר פרעה'ן אויף שטאָנדיג אויך אין די שפּעטערע דורות. פֿון דעם אַללעם איז לייכט צו בעגרייפֿען ווי רייך יעדער קעניג איז געוועזן. די אויסגאַבען אויף'ן לאַנד זיינען אין יענע צייטען קליין געוועזן, אַ שטאָנדיגע אַרמעע איז שוין אֲפילו פֿון די היקשאָס צייטען געוועזן איינגעפֿיהרט, אָבער עס האָט זעהר וועניג געקאָסט דאָס אויסהאַלטען זי, דאַריבער איז קיין וואונדער ניט, אַז די קעניגע האָבען דאָס געלד אויסגעבראַכט אוף די גרויסאַרטיגע בּנינים אונ קאַנאַלען, וואָס זיי האָבען, יעדער אין זיין צייט, געמאַכט אים לאַנד.

10 קעניגע האָבען רעגירט אין 20־טער אונ 21־טער דינאַסטיע מיט דעם נאָמען פּרעה רַעמסֵס, אַללע האָבען אונגעהייערע קאַפּיטאַלען אויסגעבראַכט אויף בויען טעמפלען אונ אויף פֿאַרשאָנערן די הויפּטשטאָדט טהעבען. די שטאָדט איז געשטאַנען אויף ביידע זייטען ניל, כּמעט אין רעכטען מיטען לענג פֿון עגיפּטען. אויף יענעם פּלאַץ, וואו טהעבען איז געשטאַנען, געפֿינען זיך איצט די צוויי דאָרפֿער לוקסאָר אונ קאַרנאַק. דער טעמפּעל וואָס איז נאָך אין לוקסאָר געבליבען האָט 500 פֿוס די לענג, אַ האַלב שעה גאַנג ווייטער, ליגט דער דאָרף קאַרנאַק, די גאַנצע וועג פֿון לוקסאָר ביז קאַרנאַק איז איין אַללעע פֿון ביידע זייטען מיט קאָללאָסאַלע ספֿינקסען *). מען רעכענט, אַז זיי זיינען געוועזן ביז 600 שטיק, אַללע פֿון איין שטיין אויסגעהאַקטע. דער הויפּט זאַאל פֿון דעם פּאַלאַסט אין דאָרף קאַרנאַק האָט געהאַלטען 318 פֿוס די לענג, 159 די ברייט אונ 134 זיילען האָבען אויפֿגעהאַלטען דעם ריזיגען געוועלב איבער איהם. יעדע זיילע איז געוועזן 11 פֿוס די דיק. דאָרט געפֿינט זיך אויך אַ גרויסע סטאַטוע פֿון אַ קעניג, אויסגעהאַקט פֿון אַ פֿעלז, וואָס פֿון איין שולטער ביז דעם אַנדערן איז 21 פֿוס ברייט. אויף דער סטאַטוע, שטעהט די אויפֿשריפֿט „איך בין אָזימאַנדיאַס, קעניג דער קעניגע! ווער עס וויל וויססען ווי גרויס איך בין געוועזן אונ וואו איך רוה, זאָלל פּרובען גראָסערע זאַכען אויספֿיהרען פֿאַר די וואָס איך האָב אויסגעפֿיהרט". נאָך מעהר איז צו בעוואונדערן יענעם אונגעהייערן ספֿינקס, וואָס געפֿינט זיך נעבען דער גראָסטער פּיראַמידע אין גִיזֶה. דאָס איז אַ גאַנצער פֿעלזענבאַרג נאָך ניט אָבגעריסען פֿון זיין גרונט, וואָס

*) ספֿינקס איז אַ סטאַטוע פֿון אַ ליגענדען לייב מיט אַ קאָפּ פֿון אַ פֿרויענצימער. ביי די עגיפּטער האָט דער ספֿינקס פֿאָרגעשטעלט אַזאַ גאָטט. שפּעטער האָבען די גריכען דען ספֿינקס פֿאַר געשטעלט פֿאַר אַזאַ מין גאָטטין פֿולל מיט סודות אונ ראָטעניסען, ווען זי גיט אויף אַ ראָטעניס צו טרעפֿען אונ יענער טרעפֿט ניט טוידט זי באַלד.

איז אין אַ כּפֿינקס אויסגעאַרבייט געוואָרן. זיין לייבען=קאָרפּער האָט 117 פֿוס די לענג. איצט איז זיין גאַנצע הויך מיט זאַמד פֿערשאָטען ביז'ן האַלז. דער פֿרויען קאָפּ אַלליין פֿערנעהמט 81 פֿוס, צווישען זיינע בּיידע פֿאָדערסטע לייבען=לאַפּעס האָט מען אין דער נייער צייט געפֿונען אַ טהיר, וואָס האָט אַריינגעפֿיהרט אין אַ לאַנגע טיפֿע הייל, וואָס האָט זיך געצייגען ביז דער פּיראַמידע.

אויף אַזעלכע וואונדערליכע געבּיידע האָט מען די מאַססען גאָלד אונ זילבער אויסגעבראַכט, וואָס זיינען אין דעם קעניגליכען אוצר פֿון יאָהר צו יאָהר אַריין געקומען. עס זיינען אויך קאַרגע קעניגע געוועזן, וואָס האָבען אונגעהייערע אוצרות אָנגעקליבען. אַזאַ קעניג איז געוועזן רַעְמְסֵס דער דריטער, אונ הערָאָדאָט דערצעהלט פֿון איהם אַזאַ לעגענדע:

„רעמסס דער דריטער איז געוועזן אַזוי רייך, אַז עס איז אונמעגליך געוועזן זיין אָנגעקליבען גאָלד, זילבער אונ עדעל=שטיינער צו צעהלען. זיכער צו זיין, אַז מען גַנְבֶ'ט בּיי איהם ניט, האָט ער געהייסען צו זיין פּאַלאַסט צובּויען אַ גרויסע שטיינערנע שאַץ=קאַמער אָהן פֿענסטער אונ אָהן טהירען, נור אַ קליין טהירל האָט ער געלאָזט אָפֿענען פֿון זיין שלאָף=צימער אין שאַץ=קאַמער אַריין. דאָ האָט ער געלאָזט אַריינברענגען זיינע אַללע אוצרות, דאָס טהירל האָט ער פֿערשלאָסען מיט געוויס שטאַרקע שלעסער אונ נאָך פֿערזיגעלט מיט זיין קעניגליכען זיעגעל, וועלכען ער האָט אַללע מאָל בּיי זיך געהאַט. דער בּוימייסטער האָט איין שטיין אַזוי אַריינגעפּאַסט קינסטליך, אַז מיט אַ דריק אין אַ געוויסען פּונקט זאָלל ער זיך אַ דרעה טהון אונ אָפֿענען אַ טהיר אַריינצוגעהן. איהם איז אָבער ניט בּעשערט געוועזן צו געניסען פֿון זיין סוד; ער איז באַלד קראַנק געוואָרן, נור פֿאַר זיין טוידט האָט ער נאָך צייט געהאַט צו ענטדעקען דעם סוד זיינע בּיידע זיהן אונ זיי געוויזן צו דערקלערן ווי זיי קאָנען אין שאַץ=קאַמער אַריין. די בּיידע זיהן האָבען אויפֿגעזוכט יענעם קינסטליך אַריינגעשטעלטען שטיין אין וואַנד, זיינען אין קאַממער אַריין אונ גענומען וויפֿיעל זיי האָבען געקאָנט אַוועקטראָגען, אַ דריק געטהון דעם שטיין אונ ער האָט זיך צוריק אַריינגעפּאַסט, גלייך ווי עס וואָלט גאָר ניט געשעהן. אַ מענשען איז אָבער אַלץ ווייניג, אונ וואָס מעהר זיי האָבען גענומען האָט זיך זיי אַלץ מעהר געוואָלט נאָך נעהמען. נאַכט פֿאַר נאַכט פֿלעגען זיי טהון דאָס זעלבע, בּיז פּרעה האָט זיך געכאַפּט, אַז פֿרעמדע האָנד שלעפּען אַרויס פֿון דעם פֿעסטען חֶדֶר. נור ווי אַזוי דאָס קאָנן געשעהן, האָט ער בְּשום אופֶן ניט געקאָנט בּעגרייפֿען. די וואַנד זיינען גאַנץ אונ פֿעסט, די טהיר איז פֿעסט פֿערשלאָסען, די זיגעל איז גאַנץ, אונ מען גַנְבֶ'ט פֿאָרט. ער האָט געלאָזט מאַכען אַ קינסטליך פֿאַנג=אייזען מיט פֿיעל פֿרוזינעס, וואָס זאָל אָנכאַפּען ווי יעמאַנד וועט זיך נור צורירהען צו עטוואָס פֿון די פֿיעל קאַסטען, אין וואָס די אוצרות זיינען געלעגען. קיינער, אויסער איהם אונ דער

מעחאַניק, האָט דערפֿון ניט געוואוסט. בײַ נאַכֿט זײַנען די ברידער ווידער געקומען, און ווי אײנער האָט זיך נור צוגעריהרט צו אַ קאַסטען האָט איהם דאָס אײַזען אַזוי אַרומגענומען, אַז ער האָט באַלד דערקענט ער וועט שוין פֿון דאַנען ניט אַרויס. „גיכֿער שנײַד מיר דען קאָפּ אַראָפּ, האָט ער דעם נאָך לײַזען ברודער געבעטען, מײַן לעבען איז זאָ ווי זאָ פֿערלאָרען, רעטע זיך און בלײַב חאָטש בײַ דעם, וואָס מיר האָבען ביז איצט גענומען. וועט מיך דער קעניג געפֿינען האָטש אַ טױדטען נור מיט אַ קאָפּ, ביזט דו אויך פֿערלאָרען!" דער ברודער האָט איהם באַלד דען קאָפּ אַראָבגענומען, און איז אַוועק אַהײם. פּרעה׳ס כּעס און וואונדער איז נאָך גראָסער געוואָרען, אַז ער האָט אין פֿעסט פֿערשלאָסענעם חדר געפֿונען אַ טױדטען קאָרפּער אָהן אַ קאָפּ. ער האָט זיך געטראָסט מיט דער האָפֿנונג, אַז די קרובֿים פֿון׳ם טױדטען, וועלן פֿאָרט ווי עס איז אַרויסווײַזען ווער זײ זײַנען, ווען ער וועט לאָזען דעם קאָרפּער אויפֿהענגען אויף אײן אײנזאַמען פּלאַץ. ער האָט געוואוסט ווי הײליג בײַ יעדען מצרי איז די פּפֿליכֿט אַ טױדטען פֿרײַנד צו קבֿר צו ברענגען אָדער האָטש איהם צו בעקלאָגען, און עס קאָנן ניט זײַן, אַז דער מענש האָט גאָר קײן קרובֿים ניט געהאַט.

אַ פּאָר טאָג איז דער אָהן קאָפּיגער קאָרפּער געהאַנגען, די מוטער האָט זיך דערוואוסט און קײן זאַך האָט זי ניט געקאָנט טראַכֿטען, זי האָט געוואָלט געהן צום קעניג איהם אויסזאָגען אַלץ, ער זאָלל איהר נור איהר זוהנס קאָרפּער אַרויסגעבען איהם מקבר צו זײַן. דער גנבֿ אָבער האָט איהר פֿערזיכֿערט, אַז נאָך הײַנט בײַ נאַכֿט וועט ער דעם קאָרפּער איהר צושטעלן. פֿאַר נאַכֿט האָט ער אַײַנגעשפּאַנט אין זײַן וואָגען אײַן עזעל, זיך פֿערשטעלט פֿאַר אַ משרת פֿון אַ ווײַנהאָנדלער, אָנגעלעגט אַ פֿוללען וואָגען מיט לאָגלען ווײַן, און האָט זיך געלאָזט פֿאָהרן צו יענעם פּלאַץ וואו זײַן ברודערס קאָרפּער הענגט. נאָהענט פֿון יענעם אָרט האָט זיך כּלומר׳שט אָבגעבונדען אַ לאָגעל און דער ווײַן האָט זיך אָנגעהײבען אויסצוגיסען; ער האָט אַ געשרײַ געמאַכֿט מען זאָלל איהם העלפֿען ראַטאָווען זײַן ווײַן. עס זײַנען צוגעלאָפֿען די פֿערשטעלטע וואַך, וואָס פּרעה האָט געשטעלט, איהם צו העלפֿען, דער ווײַן איז אָבער אַזוי שטאַרק געווען און אַזאַ גוטען גערוך געהאַט, אַז עס האָט זיך די וואַך פֿערוואָלט פֿאַרזוכֿען פֿון איהם. ער האָט זיך כּלומר׳שט גענומען קריגען מיט זײ. דערווײַל האָט זיך אָבגעבונדען נאָך אַ לאָגעל און נאָך אַ לאָגעל, די וואַך האָט געטרונקען, און ער האָט געזאָגט: איך זעה דאָך איך קאָנן שוין צו מײַן העררן ניט קומען, ער וועט מיך אין געפֿענגניס אַרײַנוואַרפֿען, לאָס איך חאָטש אויך פֿערזוכֿען מיט אײַך צוגלײַך. טרינקט ברידער, מאָרגען וועל איך אפֿשר אויך אַזוי הענגען ווי דער דאָ. די וואַך האָט זיך ערסט גענומען טרינקען, און גיך זײַנען זײ שכּור געפֿאַלען שלאָפֿען. דער גנבֿ האָט מעהר ניט געוואָלט און האָט דעם געהאַנגענעם אַראָב-

געחאַפּט, אויפ'ן וואָגען אַרויפגעלעגט און פאַר'ן אַוועקפאָהרן האָט ער נאָך די וואַך אַ האַלבען באָרד אָבגעגאָלט.

פרעה'ס כּעס איז נאָך גרעסער געוואָרן. עס מאָג מיר קאָסטען דאָס גליק פון מיין שענער טאָכטער, האָט ער געזאָגט, איך מוז דעם גנב חאַפּען! אין אַ טאָג אַרום האָט מען אין גאַנץ עגיפּטען געמעלדעט: ווער עס וויל בעקומען די שענע פּרינצעסין פאַר אַ פרוי, זאָל איהר קומען דערצעהלען די שענדליכסטע און די קליגסטע זאַך, וואָס ער האָט אין זיין לעבען אָבגעטהון, אַנדערש וויל זי קיין מאַנן ניט נעהמען און דער קעניג איז דערצו מסכּים. דער גנב האָט באַלד פערשטאַנען צו ליעב וואָס פרעה האָט אַזאַ בעפעהל אַרויסגעגעבען, און האָט בעשלאָסען פרעה'ן אָבצונאַרן נאָך אַ מאָל. ער האָט אָנגעטהון אַלאַנגען מאַנטעל, אין איין אַרבעל האָט ער אַריינגעשטעקט אַ אָבגעשניטענע האַנד פון ברודערס קערפּער און איז אַזוי געקומען צו דער פּרינצעסין. „די שענדליכסטע זאַך, וואָס איך האָב געטהון אין לעבען, האָט ער איהר דערצעהלט, איז, וואָס איך האָב מיין אייגענעם ברודער דעם קאָפּ אַראָבגענומען, די קליגסטע אָבער איז, וואָס איך האָב דיין קאַרגען פאָטערס אוצר אויסגעפּלינדערט, און מיין ברודערס קערפּער צו קבר געבראַכט". דערהערנדיג ווער ער איז האָט זי זיין האַנד אַ חאַפּ געטהון איהם צו צוהאַלטען ביז די וואַך וועט אונטערקומען. ער האָט ניט געוואַרט און זיך אַ ציה געטהון, די טױדטע האַנד איז געבליבען ביי איהר און ער איז ווי אַ בליץ פון אַללע טהירען אַרויס.

איצט האָט שוין פרעה איינגעזעהן, אַז ער האָט צו טהון מיט איינעם וואָס איז קליגער פאַר איהם און פאַר זיינע אַללע ראַטהגעבער, און אַזאַ איידים קאָנן איהם צוניטץ קומען אין מלוכה. דאַריבער האָט ער אַ בעפעהל אַרויסגעגעבען מיט זיין קעניגליכען וואָרט, אַז ער איז מוחל דעם גנב אַלץ און גיט איהם די שענע פּרינצעסין, ווענן ער קומט נור און דערצעהלט איהם ווי אַזוי האָט ער עס אַללעס אָבגעטהון. דער גנב איז געקומען און האָט דערצעהלט, און פרעה האָט זיין וואָרט געהאַלטען".

אין די צייטען פון דעם פרעה, רעכענען אַנדערע אויס, איז די יציאת מצרים געוועזן, אָנגעהייבען האָט זי זיך פאַר רעמסס דעם צווייטען, געענדיגט אָבער האָט זי זיך אין זיינע צייטען, און פון איהם אָן האָט טאַקי מצרים אָנגעהייבען פאַללען.

## די וויטערע געשיכטע, און אָנדרונגען אין עגיפּטען.

די גרויסע רייכקייט פֿון דער עגיפּטישער רעגירונג האָט די שפּעטערע קאָניגע מיט דעם נאָמען רַעְמְסֵס וואָס האָבען רעגירט אין דער 20-סטער דינאַסטיע, געבראַכט, זיך אַריינצולאָזען אין אַ פֿערגניגטען אויסגעלאַסענעם לעבען, זיך פֿערלאָזען, אין פֿיהרונג פֿון דער מְלוּכָה, אויף די פּריסטער און ראַטהגעבער און אַלליין נור לעבען אין גרויס אויסבּרענגעריי אין זייערע פּאַלאַסטען. די פּריסטער האָבען אין גאַנצען לאַנד געטהון, וואָס זיי האָבען געוואָלט, דעם קאָניג איז ניט אָנגעגאַנגען זיי צו שטערן. די אַרמעע איז דערפֿון אָבגעשוואַכט געוואָרן און דער נאָמען: „סאָלדאַט" איז כִּמְעַט ווי אַ שאַנד געוואָרן. דורך דעם האָט נאָך רעמסס דעם 12-טענס טוידט, אַ פּריסטער מיט דעם נאָמען העריהאָר זיך געקאָנט אַרויף כאַפּען אויף'ן קאָניגליכען טראָן און ווערן אַ פּריסטער-קאָניג איבערן גאַנצען לאַנד. דריי דורות האָבען אַזעלכע פּריסטער-קאָניגע די גאַנצע מאַכט געהאַט אין זייער האַנד און געטראַכט נור פֿאַר זיך. זייער הערשונג האָט דער פֿירסט פֿון טאַניס, שעאַמאָן: אַ סוף געמאַכט מיט הילף פֿונ'ם פֿאָלק האָט ער אָבגענומען די קרוין ביי די פּריסטער און איז געוואָרן קאָניג. ער איז געוועזן אַ קלוגער הערשער, האָט ניט געזוכט צו פֿערגרעסערן זיין לאַנד דורך מִלְחָמוֹת, נור צו פֿערבעסערן די לאַגע פֿונ'ם פֿאָלק דורך שָׁלוֹם. דאַריבער האָט ער אויך שלום געמאַכט מיט די אַללע קאָניגע פֿון אַזיען, און בעזונדערס, מיט די כְּנַעֲנִים (פֿעניקיער) און מיט אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וואָס איז שוין דאַמאָלס אַ לאַנד געוועזן. דעם שלום נאָך שטאַרקער צו מאַכען האָט ער פֿערהייראַט זיין טאָכטער מיט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ, וואָס האָט צו יענער צייט אַ שֵׁם געהאַט זעלבסט אין מִצְרַיִם. פֿאַר די בְּנֵי יִשְׂרָאֵל און כנענים איז דאָס גאַנצע לאַנד פֿריי און אָפֿען געוואָרן, פּרינצען פֿון די בני ישראל האָבען אָנגעהייבען הייראַטהען עגיפּטישע פּרינצעסינס, און פֿעניקיאַנישע פּרינצעסינס האָבען זיך פֿערהייראַט מיט עגיפּטישע פּרינצען. דאָס רייכע עגיפּטישע לעבען האָט אָבער די ביידע פֿאָלקער קיין גוטס ניט געבראַכט. אין יְרוּשָׁלַיִם האָבען די עגיפּטישע פּרינצעסינס איינגעפֿיהרט עגיפּטישע מִנְהָגִים און אויסבּרענגעריי, און די פֿעניקיאַנישע טאָכטער האָבען נור פֿאַר אַ גליק געהאַלטען צו האָבען איין עגיפּטער פֿאַר אַ מאַנן.

דער קאָניג שעאַמאָן האָט געשטיצט זיין מלוכה אויף די סאָלדאַטען, וואָס ער האָט געמוזט דינגען פֿון דער פֿרעמד, בעזונדערס פֿון לוביען. אַזעלכע סאָלדאַטען האָט מען גערופֿען: מאַמלוקען, אָדער: מאַ. זייערע קאָמאַנדירן זיינען אויך געוועזן פֿרעמדע — אויף אייגענע האָט מען זיך שוין ניט געקאָנט פֿערלאָזען, ווייל יעדער עגיפּטישער פֿירסט, האָט נור געטראַכט ווי די עגיפּטישע קרוין צו בעקומען. מיט דער צייט אָבער זיינען די פֿרעמדע קאָמאַנדירן גרויס געוואָרן און האָבען די גאַנצע

דֵעָה געהאַט אין דער רעגירונג. דער סוף איז געווען, אַז ניט לאַנג נאָך פּרעה שעאַמאָנס טוידט האָט זיך אַזאַ פֿרעמדער קאָמאַנדיר, מיט דעם נאָמען: שענשאַק, אָדער שושק, אַרויפגעהאַפּט אויף׳ן טהראָן און איז קעניג געוואָרן איבער גאַנץ עגיפּטען. די אַרמעע האָט מיט איהם געהאַלטען, ווייל זי איז פֿון איין פֿאָלק געווען מיט איהם.

שושק האָט שוין ניט געקאָנט לעבען בְּשָׁלוֹם, ניט מיט שְׁלֹמֹה׳ן און ניט מיט׳ן קעניג פֿון צור און צִדוֹן, ווייל זיי האָבען געווים געהאַלטען מיט די פּרינצען, וואָס זיינען געבליבען פֿון זייער מְחוּתָּן פּרעה שעאַמאָן, דאַריבער האָט ער מְקָרֵב געווען יעדען ענטלאָפענעם בונטען־מאַכער פֿון די ביידע לאַנדער, און אַזעלכע געשטיצט געגען זייערע קעניגע. אַזוי האָט ער צוגענומען יָרָבְעָם׳ן, און האָט איהם דערנאָך געשטיצט, ווענן ירבעם האָט אָבגעריסען די 10 שְׁבָטִים פֿון רְחַבְעָם שלמה׳ס זוהן. מיט ירבעם׳ס הילף איז דער אייגענער שושק דערנאָך געקומען מיט זיין חַיִל קיין יְרוּשָׁלַיִם, האָט אויסראַבירט אַללע אוֹצְרוֹת פֿון בֵּית הַמִּקְדָּשׁ און בֵּית הַמֶּלֶךְ און זיי אוועקגעפיהרט קיין מִצְרַיִם.

קיין גרויסע מִלְחָמוֹת האָט אָבער שושק אויך ניט געוואָלט פיהרען. פֿאַר אַ רעזועדענץ האָט ער אויסגעקליבען די שטאָדט בּוּבאַסטיס, וואו ער האָט זיך מִסְתָּמָא זיכערער געפיהלט. די פּריסטער זאָללען נאָך אַ מאָל די קרוין ניט אַריינכאַפּען, האָט ער די אַללע גרויסע שטעללען אין דער מְלוּכָה זיינע אייגענע קְרוֹבִים איבער געגעבען, שפּעטער האָט ער די פּריסטער פֿון לאַנד אין גאַנצען אַרויסגעטריבען.

די פּריסטער זיינען אַוועק מיט פֿיעל פֿון זייערע פֿערעהרער ווייטער אַרויף צו דָרוֹם, און האָבען געגרינדעט אַ גרויסע מלוכה, וואָס האָט זיך אָנגעהייבען פֿון צווייטען ניל קאַטאַראַקט (וואַססער־פֿאַלל) און האָט זיך געצויגען ביז די אַבּעססינישע בערג. אין דעם לאַנד האָבען זיך פֿערזאַמעלט זעהר פֿיעל פֿון אונצופרידענע עגיפּטער, אויך פֿיעל כּוּשִׁים און שוואַרצע נעגערן פֿון ווייטען דָרוֹם־אַפֿריקאַ, ביז עס איז אַ לאַנד מיט אַ גרויס פֿאָלק געוואָרן. די הויפּטשטאָדט האָט מען אַ נאָמען געגעבען: נאַפּאַטאַ. די שטאָדט נאַפּאַטאַ האָבען די פּריסטער געזוכט צו פֿערגראָסערן, זי זאָלל אַזוי גרויס און שאָן זיין ווי טהעבען אין עגיפּטען. דאַריבער האָבען זיי דאָ געבויט פּאַלאַסטען און טעמפּעל פֿאַר זייער אייגענעם פּריסטער־גאָט אָמוֹן־רַע.

אין עגיפּטען איז וואָס אַ דור די מלוכה אַלץ שוואַכער געוואָרן. די פּרינצען וואָס זיי האָט דער קעניג די גרויסע שטעלן איבערגעגעבען זיכערער צו זיין, זיינען מיט דער צייט אַלליין צ גרויס געוואָרען און האָבען זיך אָנגעהויבען זעלבסטשטענדיג צו רעגירן יעדער אין זיין שטאָדט און ביים קעניג נישט אָנגעפֿראָגט. נאָך אין לעבען פֿון שושק דעם 1־טען, וואָס האָט די קרוין פֿון גאַנץ עגיפּטען שוין פֿון דריי דורות בִּירוּשָׁה געהאַט, האָבען זיך פֿיעל פֿון אַ זעלבע פּראָווינצען און שטאָדט־

הערשער געלאָזט רופֿען מיט דעם טיטול קאָניג. ביז 20 אַזעלכע קאָניגע האָבען זיך רעגירט ווי זיי האָט געפּאַסט און דאָס פֿאָלק האָט פֿון זיי אַללעמען געמוזט ליידען.

ווענן שושק דער 4-טער איז געשטאָרבען (735 פ' ג. כ"ו) האָט זיך אויף זיין טהראָן אַרויפֿגעכאַפּט דער פֿירסט פֿון טאַניס (צועַן) און האָט געגרינדעט די 23-סטע דינאַסטיע. די דינאַסטיע האָט זיך אָבער אויך ניט לאַנג געקאָנט האַלטען; דער פֿירסט פֿון שאַאיס האָט זיך די קרוין בעמאָכטיגט און האָט געגרינדעט די 24-טע, אָדער שאַאיטישע דינאַסטיע, זיין נאָמען איז געוועזן פּרעה טאַפֿנעכט. ער איז אַ מאָכטיגער הערשער געוועזן, און האָט אָנגעהייבען די קליינע קאָניגע פֿון לאַנד צו פֿערטרייבען. זיי אָבער האָבען יַד־אַחַת געמאַכט מיט שאַבאַקאַ, דעם קאָניג פֿון נאַפּאַטאַ, וועלכער איז תֵּיכֶף אַריין מיט זיין חַיִל אין עגיפּטען און אַיינגענומען אַללע שטאָדט פֿון דער גאַנצער דעלטאַ געגענד. דער עגיפּטישער קאָניג, פּרעה טאַפֿנעכט, האָט זיך אָבער באַלד אונטערוואָרפֿען, האָט איהם צוגעזאָגט צינז, און שאַבאַקאַ האָט איהם געלאָזען ווייטער הערשען, בִּתְנַאי ער זאָלל שטאָנדיג אַנערקענען זיין אָבער־מאַכט און צאָהלען איהם דעם צינז פּינקטליך. עטליכע יאָהר האָט נאָך טאַפֿנעכט רעגירט מיט דעם חֶסֶד פֿון נאַפּאַטישען קאָניג; קוים איז ער אָבער געשטאָרבען און אויך זיין טהראָן איז אַרויף זיין זוהן באָקכאָריס, האָט זיך איהם געוואָלט אַראָפּ־וואַרפֿען דעם נאַפּאַטישען יאָך, און האָט זיך אָנגעהייבען צוגרייטען צו אַ מִלְחָמָה געגען נאַפּאַטישען קאָניג. שאַבאַקאַ אָבער איז דערפֿון געוואָהר געוואָרן און איז באַלד ווידער געקומען מיט זיין אַרמעע, האָט דעם קאָניג באָקכאָריש לעבעדיגערהייד פֿערברענט, ערקלערט גאַנץ מִצְרַיִם פֿאַר אַ נאַפּאַטישע פּראָווינץ, אויף וועלכער ער האָט זיין שוועסטער אַמענערדאַס געמאַכט פֿאַר אַ רעגענטין.

פֿון דער אַמענערדאַס ווערט דערצאָהלט, אַז זי איז איינע פֿון די זעלטענסטע פֿרויען געוועזן, וואָס האָבען אין אַלטע צייטען זיך אַ אֶמֶת גוטען נאָמען געלאָזען. זעלטען ווענן דאָס עגיפּטישע פֿאָלק האָט זיינע אייגענע קאָניגע אַזוי געעהרט און געליבט ווי די פֿרעמדע רעגענטין; און זי איז די ליעבע ווערטהע געוועזן. אַללע שטרענגע און האַרטע געזעצע, וואָס זיינען ביז איהר אין עגיפּטען געוועזן האָט זי געאָנדערט, טוידט-אורטהייל (מִשְׁפַּט־מָוֶת) האָט זי אין גאַנצען אָבגעשאַפֿט, בעפֿ־רייט די ערדאַרבייטער פֿון געצוואונגענער אַרבייט צו בויען טעמפּעל, ווי עס איז פֿון אייביג אין עגיפּטען דאָס געזעץ געוועזן. זי האָט אויך רעגולירט די אָבגאַבען, וואָס יעדער ערדאַרבייטער האָט דער רעגירונג צו צאָהלען, עס זאָל מיט יוֹשֶׁר זיין, און האָט בִּכְלַל דעם פֿאָלק פֿרייהייט צוגעלאָזט, יעדער זאָלל זיך פֿיהלען בירגער און ניט אַ נידריגער קנעכט פֿונ'ם לאַנד. ניט אַזוי עהרליך און אויפֿריכטיג איז איהר ברודער שאַבאַקאַ דער קאָניג געוועזן. זיין וואָרט איז קיין וואָרט ניט געוועזן און וואו איהם

האָט געטויגט האָט איהם ניט געאָהרט, אַז זיין גוטער פריינד זאָלל חאָטש דאָס לעבען פערלירן מיט זיין סומך זיין זיך אויף זיין הבטחה. מיט דעם קאָניג פון ישראל האָט ער שטאָנדיג גוט געלעבט, די בני־ישראל האָבען איהם גערופען: סוא מלך מצרים. אין זיין צייט איז שוין גאַנץ ארץ־ישראל געוועזן אונטער דער אָבערמאַכט פון אשור, אונ דער מלך־יהודה אונ מלך־ישראל האָבען יאָהרליך געמוזט אַן אשור צאָה־לען צינז. הושע בן־אלה, דער מלך־ישראל, פערלאָזענדיג זיך אויף זיין גוטען פריינד, סוא מלך־מצרים, אַז ער וועט איהם קומען העלפען געגען אשור, האָט אויפגעהאָרט צו צאָהלען דעם יאָהרליכען צינז. שלמנאסר, דער דאַמאָליגער קאָניג פון אשור איז געקומען מיט זיין גאַנצען חיל, האָט דריי יאָהר בעלאַגערט דאָס לאַנד ישראל, געפאַנגען הושע בן־אלה אונ האָט איהם אין תפיסה אריינגעוואָרפען, אונ האָט דערנאָך די עשרת השבטים פערטריבען אין לחלח אונ חבר. דער גוטער פריינד סוא מלך מצרים האָט זיך אפילו אַ ריהר ניט געטהון צו קומען העלפען דעם מלך־ישראל ווי ער האָט איהם פערזיכערט.

שפּעטער, ווענן אויף עטהיאָפּיען אונ מצרים האָט רעגירט שאַבאַקאָ׳ס עניקעל תרהקה, איז געקומען סנחריב מלך אשור אונ האָט איינגענומען אויך מצרים אונ תרהקה האָט געמוזט סנחריב׳ן צאָהלען צינז. פון מצרים איז סנחריב אַוועק אונ האָט בעלאַגערט ירושלים, אָבער דאָ האָט ער אין אַ מגפה זיין גאַנצען חיל פערלאָרן אונ האָט געמוזט פון ירושלים אָבטרעטען. די מפלה סנחריב׳ס ביי ירושלים האָט תרהקה׳ן מוטה געגעבען אויפצוהאָרן צו צאָהלען אשור צינז. סנחריב איז ווידער געקומען מיט אַ נייעם חיל אונ האָט בעלאַגערט מצרים, נור אויך דאָ האָט עפּיס אַזיינס פּאַסירט זיין חיל, וואָס סנחריב איז קוים מיט׳ן לעבען צוריק ענטלאָפען.

הערֹאָדאָט דערצאָהלט, אַז דער פריסטער שעטהאָס האָט זיין גאָטט געבעטען, ער זאָלל מצרים רעטטען פון סנחריב׳ס האַנד, אַזוי ווי דער גאָטט פון יהודה האָט חזקיהו׳ן געררעטעט פון איהם. דער גאָטט האָט איהם צוגעהאָרט, אונ ביי נאַכט, ווענן סנחריב׳ס חיל האָט זיך שלאָפען געלעגט אונטער דער בעלאַגערטער הויפטשטאָדט, זיינען אָנגעקומען אַ מחנה מייז, האָבען צוגעסען דאָס גאַנצע געוועהר פון סנחריב׳ס חיל, אונ סנחריב איז קוים מיט לעבען ענטלאָפען. דעריבער האָט מען דעם פריסטער שעטהאָס געשטעלט אַ מאָנומענט אין טעמפּעל מיט אַ גאָלדענע מויז אין האַנד, מיט איין אויפשריפט: „ווער עס דערזעהט מיך מוז פרום ווערן!"

ניט לאַנג נאָך דעם, איז געקומען סנחריב׳ס איין עניקעל אסר־בונפל דער קאָניג פון אשור אונ האָט איינגענומען גאַנץ מצרים, צוגענומען אַללע פירסטען, צווישען זיי אויך דעם פירסט נכה אונ זיי אַוועקגעפיהרט קיין נינוה. קוים אָבער איז אסר־בונפל אָבגעטרעטען, אָבוואָהל ער האָט אין לאַנד זיין חיל געלאָזען, איז תרהקה

דער קאָניג פֿון נאַפּאַטהאָ (כּוש) געקומען, אונ האָט שוין כּמעט אַ האַלב לאַנד איינגענומען, אַרויס צו טרייבען צוריק תרהקה'ן פֿון מצרים. האָט אַסר־בונפּל בעפֿרייט די אַללע געפֿאַנגענע פֿירסטען, האָט זיי פֿיעל מתּנות געגעבען מיט אַ חיל, אונ דעם פֿירסט נכה האָט ער פֿאַר קאָניג געמאַכט פֿון דער הויפּטשטאָדט שאַאיס.
נאָך דעם איז תרהקה געשטאָרבען אונ זיין שטיפֿזוהן טאַנוטאַמאַן האָט ווידער בעלאַגערט מצרים אונ פֿערטריבען די פֿירסטען מיט דער אַרמעע פֿון אשור. דאָסמאָל האָט שוין אַסר־בונפּל ענטשלאָסען צו מאַכען אַ סוף פֿון דער בעזונדערע רעגירונג אין מצרים, ער איז באַלד געקומען מיט אַ גרויסער אַרמעע, טאַנוטאַמאַן איז ענטלאָפֿען געוואָרען, די אַרמעע פֿון אַשור האָט ראַבירט דאָס לאַנד, אַוועקגעפֿיהרט טויזענדער איינוואָהנער אונ זיי פֿערקויפֿט פֿאַר סקלאַפֿען, אַרויסגענומען אַללע אָנגעקליבענע עגיפּטישע אוצרות, צווישען דעם אויך צווי גאָלדענע אָבעליסקען, וואָס זיינען בייא דער טהיר פֿון אַ עגיפּטישען טעמפּעל געשטאַנען אין טהעבען, אונ האָט די פֿירסטען געלאָזען רעגירען אַלס גובענאַטאָרן פֿון אַשור איבער עגיפּטען.

---

## די צוועלף הערשאַפֿט (דעדאַקאַרכיע), אונ פּסאַמעטיך.

אָבוואָהל מצרים איז שוין געוועזן נישט מעהר ווי אַ פּראָווינץ פֿון אַשור, אונ די 12 פֿירסטען, וואָס האָבען רעגירט אין לאַנד זיינען נור אַשורישע גובערנאַטאָרן געוועזן, פֿונדעסטוועגען האָבען זיי איינער מיט דעם אַנדערן שטאָנדיג געשטריטען. יעדען האָט זיך געוואָלט גראָסער זיין פֿאַר דעם אַנדערן אונ דערווייל איז אין לאַנד נור אונאָרדנונג אונ בלוטפֿערגיסונג געוועזן. דער קאָניג פֿון אַשור איז, צו יענער צייט, גענוג פֿערנומען געוועזן אין זיין אייגענעם לאַנד אונ האָט מיט דער רעגירונג אין מצרים זיך וועניג געקאָנט אינטערעסירן, דאַריבער האָט געלונגען דעם שאַזיטישען פֿירסט פּסאַמעטיך, דעם זוהן פֿון פּרעה נכה דעם ערסטען, צו פֿערטרייבען די 11 אַנדערע פֿירסטען אונ ווערן אַלליין קאָניג איבערן גאַנצען לאַנד אונ צו גרינדען אַ נייע זעלבסטשטאָנדיגע עגיפּטישע דינאַסטיע.

הערודאָט דערצאָהלט פֿון איהם אַזאַ לעגענדע: די צוועלף פֿירסטען האָבען צווישען זיך איין אַקט געשלאָסען צו רעגירען אַללע גלייך, קיינער זאָלל ניט זיין גראָססער פֿאַר דעם אַנדערן, אונ דערפֿאַר רופֿט ער אָן יענע רעגירונגס־צייט: דעדאָקאַרכיע (Dedokarchie): „צוועלף הערשאַפֿט". געוואָהנט האָבען זיי אַללע אין לאַבירינטה, יעדער אין אַ בעזונדערן הויף. איינמאָל האָט אין טעמפּעל איין אָראַקעל אויסגערופֿען: יענער וואָס וועט די גאָטטער אָפּפֿערן ווין אין אַ קופּפֿערנעם בעכער, וועט דער איינציגער הערשער ווערן איבערן גאַנצען לאַנד. די

פירסטען האָבען דערפאַר איינאַנדער געהיט קיינער פון זיי זאָלל עס אין געהיים ניט טהון. איינמאָל, ווענן אַללע 12 זיינען פערזאַמעלט געוועזן אין אַ יום טוב טאָג אין דעם טעמפעל פּתּא, האָט דער פריסטער יעדען צוגעטראָגען אַ גאָלדענעם בעכער צו אָפּפערן די גאָטטער ווין; פסאַמעטיך, וואָס איז צום לעצטען געשטאַנען איז געבליבען אָהן אַ בעכער, דער פריסטער האָט זיך פלומר'שט טועה געוועזן: אַנ־שטאָט 12 בעכער האָט ער נור 11 געבראַכט. ניט אויסען צו בלייבען האָט פסאַמעטיך אַראָבגעהאַפּט זיין קופּפערנעם העלם, אָנגעגאָסען ווין אין איהם און געבראַכט זיין אָפּפער גלייך מיט אַללעם, די 11 פירסטען האָבען זיך דערמאָנט דען אָראַקעל־שפּרוך און האָבען דערפאַר פסאַמעטיך'ן אַוועקגעשיקט אין די זומפּען פון דער דעלטאַ, מיט דעם בעפעהל: קיינמאָל ניט צוריק צוקעהרען.

פסאַמעטיך האָט אָבער ווידער געפראָגט ביי דעם אָראַקעל פון בוטאָ, וואָס זאָלל ער איצט טהון. דער אָראַקעל האָט איהם געאָנטפערט: אייזערנע העלדען וועלן קומען מיט'ן ים דיר צו העלפען. ער האָט געמיינט, אַז די פריסטער לאַכען פון איהם; אַרויסגעהענדיג פון טעמפעל אָבער האָט ער דערזעהן אַ גאַנצע מחנה העלדען אָנגעטהון אין אייזערנע פאַנצירען, דאָס זיינען געוועזן גריכישע און יאָ־נישע ים־רויבער. פסאַמעטיך האָט זיי געריפען און מיט זייער הילף האָט ער פערטרי־בען די 11 פירסטען און איז געוואָרן קעניג איבערן גאַנצען לאַנד.

די מעשה אָבער דערפון איז איינפאַך: פסאַמעטיך האָט שטילערהייד אַ גרויס חיל אויפגעקליבען אין לוביען, און אָפשר אויך ווירקליכע גריכישע זעע־רויבער, און מיט זייער הילף איז ער קעניג געוואָרן. דאָס איז געשעהן אין 665 פ. (ג'. צ"ו).

צו בעפעסטיגען זיין מלוכה אין גאַנצען האָט ער געהייראַט אַ פּרינצעסין, די מאַכטער פון דער רעגענטין אַמענערעטיס, וואָס דאָס גאַנצע פאָלק האָט זי פער־הייליגט ווי אַ גאָטטין איבער די פיעל גוטס, וואָס זי האָט אין איהר רעגירונגס־צייט פאַר איהם געטהון.

די ערסטע זאַך האָט פסאַמעטיך אין אָרדנונג געבראַכט דאָס לאַנד. צייט עס האָבען זיך אָנגעהייבען די מלחמות האָט גאַנץ מצרים אויסגעוויזען ווי נאָך אַ חורבן, די טעמפעל איינגעוואָרפען, די וועגען און קאַנאַלען פערלאָזען, דאָס פאָלק איז דעמאָראַליזירט געוועזן, גלייך ווי עס וואָלט גאָר קיין דין און משפט אין לאַנד ניט געוועזן. פסאַמעטיך האָט מיט גרויס ענערגיע דאָס אַלץ פערריכט און אין אָרדנונג געבראַכט; דערנאָך האָט ער אַ בעפעהל אַרויסגעשיקט, אַז ער דערקלערט עגיפּטען אָפען פאַר דער גאַנצער וועלט צו האַנדלען און צו בזועצען זיך. ער האָט שיפען געבויט צו פערגראָסערן דעם מסחר און קיינמאָל איז מצרים אַזוי גליקליך און רייך ניט געוועזן ווי אין זיין רעגירונגס צייט. עס האָבען זיך געגרינדעט גריכישע און איזראַעליטישע קאָלאָניען. צו בעפעסטיגען דאָס לאַנד האָט ער געבויט פעסטונגען

אין פֿערשידענע פּונקטען. בעזונדערס בעריהמט איז געוועזען זיין פֿעסטונג „דאַפֿנע"; אין דער פֿעסטונג האָט ער אַ גאַרניזאָן פֿון גוט געלערנטע סאָלדאַטען בעזעצט. פֿון לאַנג שוין האָט מען אין גריכֿענלאַנד געהערט פֿון דער רייכֿקייט פֿון מצרים, פֿון די וואונדערליכֿע געביידען און די חָכְמָה פֿון די געלעהרטע, עס האָט זיך יעדעס געוואָלט דאָס לאַנד זעהן, לערנען דאָ נייעס, וואָס זיי האָבען נאָך אין זייער לאַנד פֿון זייערע פֿילאָזאָפֿען ניט געהערט, און אַללערליי מענשען האָבען זיך פֿון גריכֿענלאַנד געלאָזען קיין עגיפּטען. די רעגירונג האָט זיי גערן געהאַט, זי האָט גע־קוקט אויף זיי ווי אויף נייגיריגע קינדער, וואָס ווערן נִתְפַּעֵל פֿון יעדער זאַך וואָס זיי זעהן. דאָס פֿאָלק אָבער האָט זיי ניט געקאָנטליידען, ניט געגעסען מיט זיי ביי איין טיש און מוֹרָא געהאַט זיך צו צוריהרען צו זיי. אויפֿצורעדען זיך מיט זיי האָבען זיך געפֿונען פֿיעל דאָלמעטשער, וואָס פֿון זיי איז, מיט דער צייט, אַ בעזונדערע קלאַססע געוואָרן אין לאַנד. יעדען טעמפּעל, יעדען גאָט און בילד, וואָס די גריכֿען האָבען דאָ געזעהן האָבען זיי זיך דערקלערט נאָך זייער פֿאָרשטעלונג פֿון זייערע טעמפּעל, פֿון זייערע גאָטטער און בילדער. ווי עס ווייזט אויס האָבען די מִצְרִים גיכֿער די גריכֿען פֿערשטאַנען עהדער די גריכֿען זיי. די רעגירונג און האָכֿערע קלאַססע האָט זיי מְקַרֵב געווען, מען האָט אין זיי עפּיס נייעס געזעהן, וואָס דער האָכֿערער קלאַססע איז עס געפֿאָללען. פּסאַמעטיך האָט אויף דעם רעכֿטען פֿליגעל פֿון זיין וואַך אויפֿגענומען גריכֿישע אָפֿיציערן און גענעראַלן, דאָס האָט אָבער פֿערדראָסען די אָפֿיציערן פֿון לינקען פֿליגעל, און ניט מִלְחָמָה צו האַלטען, איז ביי דער אַרמעע געבליבען אין גאַנצען אויסצוּוואַנדערן פֿון לאַנד, און 240,000 מאַנן, דערצאָהלט, הערראָט, זיינען מיט געפּאָק און וואַפֿען אַוועק צום קאָניג פֿון נאַפּאַטאַ, וועלכֿער האָט זיי געהאָלפֿען זיך בעזעצען אין אַ ניי לאַנד, וואו זיי האָבען זיך אַ נאָמען גע־געבען: „שֶׁעמִי" ד. ה.: די פֿון דעם לינקען פֿליגעל פֿון דער קאָניגליכֿער אַרמעע.

פּסאַמעטיך איז געשטאָרבען אין יאָהר 609 פ. (ג. קנ"ב). נאָך איהם איז קאָניג געוואָרן זיין זוהן, פּסאַמעטיך דער 2־טער, אָדער פּרעה נְכֹה, וועלכֿער האָט רעגירט נור 15 יאָהר. ער איז גלייך געוועזען צום פֿאָטער, האָט אויך געטהון וואָס ער האָט געקאָנט צו פֿערגרעסערן דעם מִסְחָר פֿון עגיפּטען. פֿון די גרויסע טהאַטען זיינע זיינען ווערטה דערמאָהנט צו ווערן, וואָס ער האָט אָנגעהייבען צו גראָבען אַ קאַנאַל, וואָס זאָלל דעם מיטטעל־מעער פֿעראייניגען מיט דעם רויטען־מעער (דעם יַם־הַתִּיכוֹן מיט דעם ים־סוּף), פּונקט אויף דעם זעלבען אָרט, וואו עס איז איצט דורכֿגעגראָבען געוואָרען דער זועץ־קאַנאַל. עטליכֿע יאָהר האָט ער דעם קאַנאַל געגראָבען. 120,000 מענשען האָבען שוין, ביי דער אַרבייט, דאָס לעבען פֿערלאָרן, און ער וואָלט ניט אויפֿגעהערט, דערצאָהלט די עגיפּטישע געשיכֿטע, ווען דער אָראַקעל וואָלט

ניט געזאָגט: „ניט פֿאַר זיך, ניט פֿאַר דיין פֿאָלק אַרבייטעסט דו, נור פֿאַר די באַרבאַרען!". די עגיפּטער האָבען אַללע אַנדערע פֿאָלקער „באַרבאַרען" אָנגערופֿען. דָרְיָוֶשׁ, דער קאָניג פֿון פָּרַס, וואָס אין זיין צייט איז שוין עגיפּטען אַ פּערזישע פּראָווינץ געוועזן, האָט די אַרבייט געענדיגט. די גריכישע קאָניגע פּטאָלעמאָער, ווי אויך שפּעטער די רומישע הערשער האָבען דעם קאַנאַל פֿערבעסערט. מיט דער צייט אָבער איז ער ווידער פֿערשאָטען געוואָרן, און צום לעצטען מאָל האָט מיט 35 יאָהר צוריק איהם פֿון דאָס ניי דורכגעגראָבען דער פֿראַנצויזישער אינזשינער לעשעפּס.

דערזעלבער פּרעה נְכֹה האָט אויסגעריכט אַ עקספּעדיציאָן פֿון געניטע פֿעניקישע ים־פֿאָהרער אַרום צו פֿאָהרן מיט'ן יַם גאַנץ אַפֿריקאָ. דער צוועק דערפֿון איז געוועזן, צו ענטדעקען יענע לאָנדער און געגענדען, פֿון וואַנען די פֿיניקיער און קאַרטאַגער סוחרים ברענגען אַזעלכע טהייערע אַרטען פֿריכטע און אַנדערע אַרטען זעלטענע וואַרע. די פֿעניקיער ווי די קאַרטאַגער סוחרים האָבען די אָרטער, וואו זיי בעקומען זייערע וואַרען, קיינמאָל ניט אויסגעזאָגט, זיי פֿלעגען נאָך שטאָרן אַנדערע, מען זאָלל די אָרטער ניט דערגעהן. פּרעה נכה האָט אָבער געוואָלט דערגעהן און אין איינגאַנג ענטדעקען נייע לאָנדער, וואָס מען האָט נאָך אין זיינע צייטען פֿון זיי ניט געוואוסט. די עקספּעדיציאָן איז אַרוים געפֿאָהרן מיט'ן רויטען־מעער אַלץ אַרויף האָבער צו דָרוֹם און זיך געהאַלטען ניט ווייט פֿון די ברעגען, נאָך עטליכע מאָנאַט פֿאָהרן, האָבען די שיפֿסלייט בעמערקט, אַז די זוהן, וואָס איז זיי שטאָנדיג אויפֿגעגאַנגען רעכטס, איז פּלוצלונג אויפֿגעגאַנגען לינקס. זיי האָבען אַ צייט ניט פֿערשטאַנען, פֿאַר וואָס דאָס איז אַזוי, ערסט שפּעטער, ווענן זיי האָבען שוין דערקענט, אַז זיי זיינען שוין צוריק אין מיטעל־מעער, האָבען זיי פֿערשטאַנען, אַז אַנשטאָט וואָס פֿריהער זיינען אַלץ געפֿאָהרן צו דָרוֹם אין מַעֲרָב זייט אַפֿריקאָ, פֿאָהרן זיי אַראָב צו צָפוֹן אין מִזְרָח זייט, דאָס הייסט: זיי זיינען אַרום געפֿאָהרען גאַנץ אַפֿריקא פֿון אַללע זייטען. דריי יאָהר האָט די רייזע געדויערט און זיי האָבען מערקווירדיגע ענטדעקונגען געמאַכט, וואָס האָבען, לייד'ער, זעהר ווייניג נוצען געבראַכט. פֿריהצייטיגע ענטדעקונגען, אַ פָּנִים, זיינען ווי פֿריהצייטיגע בליהונג, וועלכע ברענגען קיינמאָל קיין פֿריכטע ניט.

פּרעה נכה האָט אויך אונטערנומען אַ מִלְחָמָה געגען קאָניג פֿון אַשּׁוּר, אויף'ן וועג איז איהם אַרוים ענטגעגען יאֹשִׁיָהוּ מֶלֶךְ־יְהוּדָה, אָבער ביי דער שטאָדט מְגִדּוֹ האָט איהם געטראָפֿען אַ פֿייל און ער איז געשטאָרבען. זיין זוהן יְהוֹאָחָז מלך־יהודה האָט נְכֹה דערנאָך געפֿאַנגען גענומען און איהם אין תְּפִיסָה געהאַלטען אין דער שטאָדט רִבְלָה און דערנאָך אַוועקגעפֿיהרט אין מצרים. יְהוֹיָקִים, יאֹשִׁיָהוּ'ס צווייטער זוהן האָט דעם זעלבען פּרעה'ן געצאָהלט בעצאָהלען הונדערט כִּכָּר זילבער און איין כִּכָּר גאָלד, פֿאַר דעם וואָס ער האָט איהם געלאָזט ווערן קאָניג איבער יהודה.

חאַטש ער האָט אויך סיריען איינגענומען, אָבער לאַנג האָט זיין הערשונג ניט געדויערט: אין 4 יאָהר אַרום 604 פ׳ (ג. קנ״ז) האָט נְבוּכַדְנֶצַר מֶלֶךְ־בָּבֶל אָבגענוּמען ביי פרעה׳ן אַללע שטאָדט אונ לאַנדער, וואָס ער האָט ביז איהם אין אַזיען איינגענומען. אין יאָהר 594 פ׳, איז פרעה נְכֹה געשטאָרבען. נאָך איהם האָט רעגירט זיין זוהן פּסאַמעטיך דער 2־טער, אונ נאָך איהם, זיין עניקעל, פרעה חָפְרַע, וועלכער איז געגאַנגען העלפען דעם קאָניג פון יהודה געגען נבוכדנצר מלך־בבל. אָבער ער האָט מיט זיין הילף ניט בעסער געמאַכט, נבוכדנצר האָט איינגענומען יְרוּשָׁלַיִם אונ די יודען אַוועקגעפיהרט קיין בבל, פיעל אָבער האָבען זיך געראַטעט אין מִצְרַיִם.

---

## אַמַאזיס דער צווייטער, דער לעצטער פַּרְעֹה מֶלֶךְ־מִצְרַיִם.

פרעה חָפְרַע האָט נאָך אַ קורצע צייט גליקליך רעגירט אין זיין לאַנד, ער האָט נאָך מִלְחָמָה געהאַלטען מיט פעניקיען אונ איינגענומען אַ פעניקישע שטאָדט. קומענדיג צוריק פון דער מלחמה, איז ער געגאַנגען צו הילף דעם לובישען קאָניג געגען דער גריכישע קאָלאָניע קירענע, וואָס איז געלעגען ביי די ברעגען פון מיטעלמעער אין מַעֲרָב זייט פון עגיפטען, דאָ האָט מען איהם צושלאָגען. אַ העלפט פון דער אַרמעע, וואָס איז בעשטאַנען פון זיין פאָלק אונ איז שטאָנדיג אונצופרידען געוועזן, וואָס דער קאָניג עהרט די פרעמדע סאָלדאַטען מעהר ווי די אייגענע, האָט זיך אָבגעריסען פון איהם. איבער צו בעטען די אונצופרידענע האָט ער אַרויסגעשיקט אַ גענעראַל אַמַאזיס, אָדער אַמאָזיס, ווי די סאָלדאַטען האָבען אָבער זייער געוועזענעם גענעראַל דערזעהן, האָבען זיי אָנגעהייבען שרייען: יְחִי הַמֶּלֶךְ, אונ האָבען אַמַאזיסן געמאַכט פאַר קאָניג פון עגיפטען.

אַמַאזיס האָט דען טיטול גערן אָנגענומען אונ איז אַרוים מיט זיין אַרמעע געגען פרעה חפרע. נאָך אַ שווערע מלחמה האָט ער חפרע׳ס אַרמעע צושלאָגען אונ חפרע׳ן געפאַנגען גענומען. ווי אַמַאזיס איז מיט דעם געפאַנגע־קאָניג אין דער הויפטשטאָדט שָׂאִים אַריין, האָט דאָס גאַנצע פאָלק איהם מיט פרייד בעגעגענט אונ פערלאַנגט, מען זאָלל דעם געפאַנגענעם קאָניג אַרויסגעבען זיך נוֹקֵם צו זיין אָן איהם. געוויס איז ער אַ גרויסער דעספּאָט געוועזן אונ דאָס פאָלק האָט אויף איהם אַ האַרץ געטראָגען. אַמַאזיס האָט געטוט נאָכגעבען אונ האָט חָפְרַע׳ן איבערגעגעבען דעם פּאָבעל, וועלכער האָט זיין געוועזענעם קאָניג אָהן רַחֲמָנוּת דער וואָרגען. אַמַאזיס האָט אין אָנהייב קיין גרויס נַחַת ניט געהאַט פון זיין מְלוּכָה: נאָך עהדער ער האָט צייט געהאַט זיך צו צוגעוואָהנען צו דער עגיפטישער קרוין, איז

געקומען נְבוּכַדְנֶצַר מֶלֶךְ־בָּבֶל און אײַנגענומען דאָס לאַנד, און מִצְרַיִם געמאַכט פֿאַר אַ פּראָווינץ פֿון בבל. אַמאַזיס׳ן האָט ער געלאָזט הערשען נור ווי זיינעם אַ גובער־נאַטאָר אין מצרים. ניט לאַנג נאָך דעם אָבער איז נבוכדנצר געשטאָרבען, און אַמאַזיס האָט צוריק דאָס לאַנד בעפֿרייט און האָט זעלבסטשטאָנדיג רעגירט איבער גאַנץ מצרים פֿון 563 ביז 525 פֿ. אין דער צייט האָט ער דאָס לאַנד צוריק גע־בראַכט צו זיין פֿריהערסטען צושטאַנד. פֿריינדליך איז ער געוועזן צו אַללע פֿעלקער נור בעזונדערע פֿריינדשאַפֿט האָט ער געוויזען די גריכען. מיט פּאָליקראַטאָס, דעם גריכישען הערשער פֿון דער אינזעל שאַמאָס, איז ער ווי אַ ברודער געוועזן. פּאָלי־קראַטאָס איז בעריהמט געוועזן מיט זיין הַצְלָחָה אין אַלץ צו וואָס ער נעהמט זיך, אַמאַזיס האָט זיך בעאונרוהיגט, וואָס זיין פֿריינד גליקט אַזוי אין אַלץ. ער האָט געגלויבט, אַז אַ צו גרויס גליק אין אָנהייב ווייזט אויף נאָך אַ גראָסער אונגליק אויף שפּעטער. פּאָליקראַטאָסן צו וואָרנען, ער זאָלל זיך מיט זיין גליק ניט איבערנעהמען, האָט איהם אַמאַזיס אין אַ בריף געראַטהען, ער זאָלל זיך אַ מאָל עפּיס אַ לייד אָנ־טהון, וואָס זאָלל איהם אַללע מאָל מְצַעֵר זיין, ווען ער וועט זיך דערמאַנען אָן דעם.

פּאָליקראַטאָס האָט זיין געטרייען פֿריינדס רָצון געטהון און האָט זיין ליעבסטען רינג אין ים אַריינגעוואָרפֿען.

אין אַ פּאָר טאָג אַרום האָט אַ פֿישער געבראַכט פּאָליקראַטאָסן אַ מַתָּנָה אַ זעל־טענעם פֿיש וואָס ער האָט געכאַפּט, אַז מען האָט דען פֿיש צושניטען האָט מען אין איהם דעם זעלבען רינג געפֿונען. פּאָליקראַטאָס האָט אין דעם געזעהן אַ סִימָן, אַז די געטטער בעגנאָדיגען איהם, און האָט זיין פֿריינד אַמאַזיסן פֿון דעם גליקליכען צופֿאַלל מוֹדִיעַ געוועזן. אַמאַזיס אָבער האָט אין דעם געזעהן, אַז זיין פֿריינדס אונגליק איז נאָהענט. פֿון דעם טאָן, אין פּאָליקראַטאָס׳ס בריף, האָט ער דערקענט, אַז זיין פֿריינד איז שוין צו שטאָלץ אויף זיין גליק און רעדט זיך איין, אַז די געטטער פֿיהרן פֿאַר איהם זיין מלוכה. איהם פֿאָרט צו איבערצייגען, אַז מען מאָג די געטטער גלויבען ווי מען וויל און מען ברויך אָבער אַלליין אויך פֿאָרזיכטיג און מיט שֵׂכֶל לעבען, האָט ער איהם געשיקט זאָגען, אַז ער וויל מעהר זיין פֿריינד ניט זיין און איהם מאָג טרעפֿען דאָס גרעסטע אונגליק וועט ער איהם קיין הילף ניט געבען. באַלד נאָך דעם האָט זיך אָנגעהייבען פּאָליקראַטאָס׳ס אונגליק, עס האָבען זיך אָנגעהייבען אינטריגען אין לאַנד און די מענשען, וואָס ער האָט געמיינט זיי זיינען איהם גוטע פֿריינד, זיינען איהם בֶּאֱמֶת אַללע מאָל פֿאַלש געוועזן. זיין אייגענער פֿעלדמאַרשאַל האָט איהם דערוואָרגען און איז געוואָרן הערשער איבער דער אינזעל.

אַמאַזיס, וועלכער איז אין גראָסטען גליק אַללע מאָל פֿאָרזיכטיג געוועזן און ניט צו גרויס געוועזן ביי זיך, האָט אויסגעלעבט זייגע יאָהרן אין פֿרידען און אין

געשטאָרבען מיט זעכּס מאָנאַט פריהער, עהדער עס האָט זיך אויף מצרים אָנגע־טראָגען דער שטורם פון כּורש מֶלֶך פָּרַס גְבוּרָה, וואָס האָט שוין, אין יענער צייט, די שטאַרקסטע קעניגרייכען איבערגעקעהרט. ניט מעהר ווי 6 חֳדָשִׁים האָט אמאזיס'ס זוהן, פסאַמעניט, נאָך רעגירט איבער מצרים. קאַמביזעס, דער זוהן פון מאַכטיגען כּורש איז מיט אַ גרויס חַיִל געקומען און האָט מצרים פאַר אַ פּערזישע פראָווינץ געמאַכט.

די עגיפּטישע געשיכטע דערצעהלט, אַז דער קאַמביזעס איז אַזאַ אַכְזָר געוועזען, אַז ער האָט פסאַמעניט'ס זוהן פאַר איהם אין די אויגען געלאָזט טויטען און זיין איינציגע טאָכטער געמאַכט פאַר אַ סקלאַפין ביי איינעם פון זיינע נידריגסטע בע־דינטע. פסאַמעניט האָט די אַללע אַכְזָרִיוּת געזעהן און קיין טהרער געלאָזט פאַללען, ער האָט זעלבסט ניט געוויינט, ווען ער האָט געזעהן ווי זיין איינציג קינד, די פּרינצעסין ווערט געפּייניגט, וואָס זי קאָנן ניט אַזוי גוט וואַססער טראָגען צוגלייך מיט אַנדערע סקלאַפען, וועלכע מען האָט פאַר זיין פענסטער פאַרבייגעטריבען. קאַמביזעס האָט געמיינט, אַז פסאַמעניט האָט גאָר ניט קיין געפיהל פון אַ פאָטער, אַז ער קאָנן דאָס צוזעהן אָהן טהרערן. נור איינמאָל האָט פסאַמעניט זיין גוטען פריינד דערזעהן, ווי ער געהט באָרפוס און האַלב נאַקעט און בעטעלט אַ שטיקעל ברויט, די פּערזישע סאָלדאַטען האָבען איהם אַלץ בערויבט. זיין פריינד'ס עלענד האָט פסאַמעניט'ס האַרץ צוריסען און ער האָט שרעקליך אָנגעהייבען צו וויינען. קאַמביזעס האָט איהם גע־פראָגט פאַר וואָס וויינט ער אויף'ן פריינד'ס אונגליק און האָט קיין טהרער געלאָזט פאַללען אויף דאָס גראָסערע אונגליק פון זיינע קינדער.

מיין צַעַר אויף מיין פריינד'ס אונגליק, האָט ער געאַנטפערט, קאָנן איך נאָך מיט טהרערן מיר גרינגער מאַכען, דאָס אונגליק פון מיינע קינדער איז אָבער צו־גרויס איך זאָלל עס קאָנען מיט טהרערן דערטרענקען. קאַמביזעס האָט אין די וואָר־טער דעם גאַנצען צער פון דעם אונגליקליכען פאָטער פערשטאַנען, און האָט איהם ניט נור זיין טאָכטער און פריינד אומגעקעהרט, נור איהם נאָך געמאַכט פאַר ווייצע קעניג איבער זיין געוועזען לאַנד. אין עטליכע יאָהר שפּעטער האָט אָבער פסאַמעניט אַ בונד געמאַכט, און אַז קאַמביזעס האָט דעם בונד ווידער איינגעשטילט האָט ער פסאַמעניט'ן צום טויט פערארטהיילט.

קאַמביזעס האָט, דערצעהלט ווייטער די עגיפּטישע געשיכטע, די קְבָרִים פון די עגיפּטישע קעניגע צוּבראָכען, די טויטע קערפּער אויף די גאַססען צוואָרפען און האָט זעלבסט די עגיפּטישע געטטער ניט געשאָנט. איינמאָל, ווען אין גאַנצען לאַנד איז אַ גרויסער יום טוב געוועזען צו ליעב דעם, וואָס איז ערגעץ אַ נייער גאָטט אַפּיס געבוירן געוואָרן, האָט קאַמביזעס דעם גאָטט, אָדער דעם אָקס אַפּיס געלאָזט דערשטעכען און האָט זיינע פּריסטער געלאָזט פערשמייסען ביז'ן טויט.

עס איז קיין וואונדער ניט, וואָס די עגיפּטער האָבען פון דעם, וואָס האָט זייער

מְלוּכָה געריבּט אַזעלבּע אַכְזָריוּת דערצעהלט. די נייע ענטדעקונגען, אין דער געשיכטע פוּן מִצְרַיִם אוּנ פָּרַס, ווייזען פּונקט פאַרקעהרט. קאמביזעס איז נור אַ העלד געוועזן אין מִלְחָמָה, אַלס קעניג אוּנ הערשער, ווייזט זיך אַרויס, איז ער זעהר אַ גוּטהערציגער געוועזן אוּנ האָט זעלבּסט זיינע סאָלדאַטען צוּ קיין אַכזריות ניט צוּגעלאָזען. אַזוי האָט זיך געפוּנען זיינס אַ בּעפעהל: דעם געפאַנגענעם קעניג פּסאַמענט אָבּצוּגעבּען קעניגליכען כָּבוֹד, איהם געבען איינעם פוּן די בּעסטע פּאַלאַסטען אין דער שטאָדט שוּשַן, אוּנ איהם ערלויבען, אויסער זיינע אַללע אוֹצָרוֹת אוּנ בּעדינטע, נאָך נעהמען מיט זיך, אויך זעכּס טויזענד עגיפּטער, וועלכע זאָללן זיין אין זיין געזעללשאַפט, דער געוועזענער קעניג זאָלל אַזוי שטאַרק זיין אונגליק ניט פיהלען.

קאַמביזעס האָט איינגענומען עגיפּטען אין יאָהר 525 פ׳ (ג. רל״ו). 200 יאָהר איז עגיפּטען דערנאָך געוועזן אַ פּערזישע פּראָווינץ. אַלֶכְּסַנְדֶר דער גרויסער האָט עגיפּטען פוּן פּערסיען אבּגענומען, דערנאך האבען גריכישע קעניגע מיט דעם נאָמען פּטאָלאַמאָער דאָ־ט רעגירט, בּיז רוים האָט דערנאָך, צווישען אַנדערע לענדער, אויך עגיפּטען מיט דער רוימישער מְלוּכָה פעראייניגט.

## די עגיפּטישע רעליגיאָן.

ווי אַללע וויססענשאַפטען זיינען בּיי די פּריסטער זייער פּערזענליכער סוֹד געוועזן, וואָס נור זיי אַלליין האָבען דערפוּן געמאָגט וויסען אוּנ דאָס פאָלק גאָר נישט, איז אויך די רעליגיאָן אַ סוֹד געוועזן, וואָס נור די פּריסטער האָבען איהר תּוֹרָה געוואוּסט אוּנ דאָס פאָלק האָט געמוזט גלויבּען אין אַלץ וואָס זיי זאָגען.

עס ווייזט זיך אַרויס פוּן פיעל אויפשריפטען, וואָס מען האָט אין דער לעצטער צייט אין עגיפּטען געפוּנען, אַז שוין גאָר אין די אַלטעסטע צייטען האָבען אַ טהייל פּריסטער געוואוּסט פוּן איין איינציגען גאָטט אין דעם פיינסטען זינען אוּנ בּעגריף פוּן דער גאָטטהייט.

אויף אַ פּאַפּירוס, וואָס געפינט זיך איצט אין לאָנדאָנער מוזעאום אוּנ וואָס איז אין עגיפּטען געשריבען געוואָרן אין די עלטעסטע צייטען, געפינט זיך אַזאַ תְּפִלָּה פוּן איין עגיפּטישען פּריסטער: „בּוֹימייסטער פוּן דער וועלט, דוּ וואָס דוּ האָסט קיין פאַטער אוּנ קיין מוּטטער ניט, קיין אָנהייבּ אוּנ קיין אויסלאָז; דוּ, וואָס קיין מענשענס שֵׂכֶל קאָנן דיך ניט בּעגרייפען אָדער נור אַ פאָרשטעלונג האָבען פוּן דיר; דוּ, וואָס דוּ האָסט אַללעס בּעשאַפען אוּנ אַלץ, וואָס איז פוּן דיר בּעשאַפען עקזיסטירט מיט דיין וויללען, דוּ אָנטפער מיר, צוּ דיר בּוק איך מיך; צוּ דעם גאָטט, וואָס

ער איז אייגער אונ אויסער איהם איז קיין גאָטט נישטאָ, צו דעם גאָטט לאָמיר דינען!"

נור ניט אַזוי האָבען די פּריסטער דעם פֿאָלק דערקלערט ווער אונ וואָס גאָטט איז אונ ווי מען דאַרף איהם דינען. דעם פֿאָלק האָבען זיי דערצעהלט פֿון אַללערליי אַרטען גאָטטער, גאָטטער פֿון הימעל, פֿון אונטער דער ערד, אין געשטאַלטען פֿון מענשען, פֿון אַללערליי חַיות אויף דער ערד, אונ האָבען זייער מאַכט אונ הייליגקייט צוטהיילט אין יעדער גרויסער שטאָדט איין אַנדער גאָטט, מיט איין אַנדער נאָמען אונ מיט איין אַנדער נאַטור, האָטש זיי אַללע זיינען נור איינער. אין דער שטאָדט מעמפֿיס איז דער הערשענדער גאָטט געוועזען פְּטאַה, אָדער פּוּטִי; אין דער שטאָדט און (העליָאפּאָליש) האָט מען גערינט צו דעם גאָטט: רַע, אין טהעבען — צו דעם גאָטט אָמון; דער קאָניג פֿון אַללע גאָטטער איז געוועזען אָזירים מיט זיין שוועסטער אונ ווייב איזיס. בִּכְלַל הייראַטהען גאָטטער זייערע אייגענע שוועסטער, האָטש צייטענווייז בעקומען זיי חֵשֶׁק אויך צו פֿרעמדע.

פֿון אָזיריסן מיט זיין ווייב איזיס ווערט דערצעהלט אַזאַ לעגענדע: ער האָט געהאַט אַ ברודער שעט, דער אייגענער וואָס די גריכען האָבען איהם גערופֿען טיפֿאָן (Tiphon), אַ שלעכטער אונ זעהר אַ פֿאַלשער, ער האָט צוזאַמענגעקליבען אַ באַנדע פֿון 72 אַזעלכע שלאָכטע גאָטטער ווי ער אונ האָט אָזיריסן געטוידט, אין שטיקער צושניטען, אין אַ קאַסטען פֿערפּאַקט אונ אין טייך אַריינגעוואָרפֿען, די וואָלן האָבען די קאַסטען אַוועקגעטראָגען אין דער שטאָדט ביבלאָס אונ דאָרט איז איבער איהר, אין מיטען טייך, אַ בוים אויסגעוואַכסען. ניט אַללע שטיקער זיינען אָבער אין קאַסטען אַריין, אונ שעט האָט זיי צו וואָרפֿען איבערן גאַנצען לאַנד. אַז איזיס האָט זיך דערפֿון דערוואוסט האָט זי זיך באַלד צוגעטהון אין טרויער אונ איז מיט אַ געוויין אונ קלאָג איבער גאַנץ מצרים געלאָפֿען אויפֿקלויבען די שטיקער פֿון איהר טוידטען מאַנן. אויף יעדעם אָרט, וואו זי האָט אַ שטיק פֿון איהם געפֿונען, האָט מען אַ טעמפּעל געבויט. ענדליך האָט זי אויך די קאַסטען געפֿונען אונ מְקַבֵּר געוועזען איהר מאַנן מיט כָּבוד ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ געהרגט'ן גאָטט. פֿון קֶבֶר איז ער גלייך אין דער אונטערוועלט אַריין, דאָרט וואו עס וואָהנען אַללע גאָטטער, וועלכע האָבען איהם באַלד לעבעדיג געמאַכט. זיין ערסטע זאַך איז געוועזען אָנצוזאָגען זיין זוהן האָרוס, ער זאָלל זיך פֿאַר איהם נוקם זיין. האָרוס האָט באַלד זיין פֿעטער שעט מיט זיין באַנדע פֿערטריבען אין מִדְבָּר אַריין, וואו זיי האַלטען זיך אויף עַד הַיּוֹם הַזֶּה. אונ פֿאַללען נאָך אַמאָל אָן אויף שטאָדט אונ מאַכען זיי חָרוּב.

אין דער לעגענדע, זאָגט מען, ליעגט די גאַנצע לעהרע אונ מוּסָר פֿון דער עגיפּטישער פֿאָלקס רעליגיאָן. אָזירים איז די זונן, וואָס מאַכט אַלץ ליכטיג אונ לעבעדיג, שעט, אדער טיפֿאָן איז די נאַכט אונ די פֿערדאַרבענדע קראַפֿט אין דער וועלט,

די נאַכט איז גובֵר דעם טאָג, אָבער דער פריה מאָרגען, וואָס איז אַ זוהן פון דעם טאָג, פערטרייבט די נאַכט אין מִדְבָּר. אַנדערע זאָגען, אַז די לעגענדע ווייזט אויף דער אונשטערבליכקייט פון מענשענס זעעלע נאָך'ן טוידט, אַ וְהָא רַאָיָה אָזירים איז אין דער אונטער וועלט לעבעדיג געוואָרן. נור וואָס מיט דער לעגענדע זאָלל ניט געמיינט זיין, דאָס פאָלק האָט נור געוואוסט וואָס מען האָט איהם דערצאָהלט און האָט געגלויבט, אַז געטטער שלאָגען זיך, טוידטען זיך, האָבען ווייבער, קינדער, קִנְאָה און שִׂנְאָה גלייך ווי מענשען אויף דער ערד.

די מיינסטען עגיפטישע געטטער האָבען קערפער געהאַט פון מענשען, נור קאָפּ האָבען זיי געהאַט פון פערשידענע חַיוֹת, פייגעל, הינדט, קאַטץ, קראָקאָדילען און שלאַנגען; נור פְּטאַה, אָמון, אָזירים און איזיס האָבען געהאַט קאָפּ פון מענשען. מען האָט זיי דערקענט נאָך זייערע קליידער און קרוינען וואָס זיי האָבען געהאַט. צוליעב דעם איז יעדע חַיָה פערהייליגט געוואָרן צו יענעם גאָטט, וואָס איהר קאָפּ האָט ער אויף זיינע אַקסעל געהאַט, דאָס פאָלק אָבער האָט די חַיוֹת אַלליין פערגעטטערט. יעדע שטאָדט האָט איהר גאָטט געזעהן אין איהר הייליגער חַיָה, אַנדערע געטטער האָבען נאָך געהאַט צו צוויי קאָפּ, האָבען זיי אויך געהאַט צוויי בעזונדערע חַיוֹת, וואָס דאָס פאָלק האָט זיי פערהייליגט ווי זיי אַלליין. דער זונן גאָטט, רַע האָט געהאַט אַ קאָפּ פון אַ שפּאַרבער, דאַריבער איז דער שפּאַרבער אַזוי הייליג געוועזן ווי רַע זעלבסט. אָזירים האָט אֲפִילוּ געהאַט אַ קאָפּ פון אַ מענשען, אָבער די זעעלע זיינע, האָבען די פריסטער געזאָגט, האָט אַ געשטאַלט פון אַ אָקס, דאַריבער איז זיין הייליגע חיה געוועזן אַ אָקס. זיין ווייבס זעעלע האָט אויסגעזעהן פונקט ווי אַ קוה, איז די קוה הייליג געוועזן אַזוי פיעל ווי די געטטין איזיס; דערפון איז אַרויס געקומען, אַז מען האָט גלאַט אָנגעהייבען פערגעטטערן פיעל חיות און עופות, קראָקאָדילען און שלאַנגען, ווי יעדע שטאָדט האָט זיך אויסגעקליבען. אין טהעבען, לְמָשָׁל: איז דער קראָקאָדיל הייליג געוועזן, און אין טעמפּעל האָט מען געהאַלטען אַ צאַהמען קראָקאָדיל, בעהאַנגען מיט גאָלדענע אוירהרינגלעך, מיט טהייערע בראָסלעטען אויף די פאָדערסטע פיס, די פריסטער האָבען איהם פון האַנד געגעבען קוכען מיט געבראָטענע פיש, צו טרינקען האָט מען צוגעגרייט אַ עקבטראַ הייליג האָניג-געטראַנק, און מען האָט זיך צו איהם געבוקט. דאָס גאַנצע פאָלק האָט אין דעם קראָקאָדיל אַ לעבעדיגען גאָטט געזעהן, וועהרנד אין עלענפאַנטינע האָט מען דעם קראָקאָדיל פיינד געהאַט און פאַר אַ גרויסע מִצְוָה געהאַלטען איהם צו טוידטען. נור אַזוי ווי עס זיינען אויך געוועזן געטטער, וואָס דאָס פאָלק האָט זיי געדיענט אין גאַנצען לאַנד, זיינען אויך אַנדערע טהירע הייליג געוועזן אומעטום גלייך. אַם הייליגסטען איז געוועזן דער אָקס אַפּיס, אָדער האַפּי, די זעעלע פון דעם אומעטום גלייך הייליגען גאָטט אָזירים.

אַ וַדאַי האָט מען ניט אַללע אָקסען געקאָנט אין טעמפּעל האַלטען, מען האָט געברויכט האָבען אָקסען צום אַקערן אונ פֿאָהרען אויך, דערפֿאַר האָט מען אויסגעקליבען פֿון אַללע איין גליקליכֿען אָקס, וואָס האָט זיין אייגענעם טעמפּעל געהאַט, מיט אַ טהייערן לוסטגאָרטען, מיט פּריסטער אונ מיט גרויסע הַכְנָסוֹת פֿון די פֿעלדער, וואָס האָט צו איהם געהערט, אונ עס האָט אין אַזאַ גְדוּלָה אונ הַרְחָבָה דער רייכֿסטער עגיפּטער ניט געלעבט ווי דער גליקליכֿער אָקס אַפּיס. דערפֿאַר אָבער זיינען אַללע קאַטץ גלייך הייליג געוועזן, יעדער אַנשטאָנדיגער אונ פֿרומער עגיפּטער האָט זיין הייליגע קאַטץ ביי זיך אין שטוב געהאַט, וועלכֿע ער האָט טהייערער געהאַלטען ווי זיין ווייב אונד קינד. קיין זאַך האָט פֿאַר דער קאַטץ ניט געטהאָרט צו טהייער זיין, זעלבסט דאָס לעבען האָט מען געמוזט איינשטעלן די קאַטץ פֿון פֿייער צו רעטען. האָט זיך געמאַכֿט אַ שְׂרֵפָה, האָט מען פֿריהער די קאַטץ אַרויס גערעטעוועט אונ ערסט דערנאָך ווייב אונ קינד. האָט ווער אַ קאַטץ געהַרְגעט גערן, האָט איהם דאָס פֿאָלק אין שטיקער צוריסען, אֲפִילוּ אַז דורך אונפֿאָרזיכֿטיגקייט, ווענן אַ קאַטץ איז ביי איינעם געטוידט געוואָרן, האָט מען יענעם צום טוידט פערורטהיילט, האָט אָבער יענער מיט עֵדוּת אויפֿגעוויזען, אַז ער איז פֿאָרזיכֿטיג געוועזן אונ די קאַטץ איז אָהן זיין שולד געטוידט געוואָרן, איז ער אָבגעקומען מיט אַ געלד שטראַפֿע אונ מיט פֿאַסטען אַ פּאָר צענדליג תַּעֲנִיתִים. דאָס גראָסטע אונגליק איז געוועזן פֿאַר אַ עגיפּטער, ווענן ער האָט אין וועג דערזעהן אַ טוידטע קאַטץ. ביי אַזאַ צופֿאַלל האָט ער באַלד אָנגעהייבען יאָמערליך צו קלאָגען, מענשען צו צורופֿען אונ שוואָרן ביי אַללע גאָטטער, אַז ניט ער האָט זי געטוידט, דאַנן איז ערסט דערפֿון אַ פּראָצעס געוואָרן אונ מען האָט נאָכֿגעפֿאָרשט צו איז ער שולדיג צו ניט, דערווייל איז יענעמ'ס לעבען געהאַנגען אין סַכָּנָה.

דִיאָדאָר, דער גריכֿישער געשיכֿטע-שרייבער, דערצאָהלט, אַז וועהרנד ער איז אין עגיפּטען געוועזן האָט אַ רוימישער סאָלדאַט געטוידט אַ קאַטץ, דאָס גאַנצע עגיפּטישע פֿאָלק האָט פֿערלאַנגט מען זאָלל אַרויסגעבען דעם שולדיגען איהם צו טוידטען; די אָנגעזעהענסטע מענשען האָבען דעם פֿאָלק געגעבען צו פֿערשטעהן ווי וווייט געפֿאָהרליך עס איז מיט דער רומישער מְלוּכָה זיך צו פֿערטשעפּען אונ וואָס פֿאַר פֿאָלגען עס קאָנן האָבען אַ רוימישען סאָלדאַט צו טוידטען אָהן אַ מִשְׁפָּט, דער עגיפּטישער קאָניג אַלליין האָט פֿערזיכֿערט ער וועט דעם שולדיגען אַלליין בעשטראָפֿען; עס האָט אָבער ניט געהאָלפֿען, דאָס פֿאַנאַטיש פֿאָלק האָט ניט געהאָרט אונ האָט דעם שולדיגען אין שטיקער צוריססען.

נאָך הייליגער ווי די קאַטץ איז געוועזן דער הייליגער אָכֿס אַפּיס. ער האָט געמוזט זיין אַ שוואַרצער מיט אַ ווייסען דריי-עקיגען צייכֿען אויף דער שטערן, אויף'ן רוקען האָט ער געמוזט האָבען אַזאַ פֿלעק ווי אַ אָדלער מיט אויסגעשפּרייטע פֿליגעל,

אונטער דער צונג — אַ בראָדאָווקע אַזוי ווי אַ זוקעל און אין עק — צווייערליי האָהר, ווייסע און שוואַרצע. אַזאַ אָכס איז ניט נור הייליג געוועזן אָבער מען האָט געגלויבט, אַז ער איז דער גאָטט אָזירים זעלבסט. איז מען געוואָהר געוואָרן, אַז ערגעץ אין אַ שטאַלל איז אַ גאָטט געבוירען געוואָרן, ד. ה.: אַ שוואַרץ אָקסיל מיט אַללע גאָטטליכע סִימָנִים, זיינען באַלד צו איהם אַוועק אַללע גרויסע פּריסטער, וואָס זיינען מְבִינִים אונטער צושיידען פון אַ פּראָסטען אָקס ביז אַ אָקס אַ גאָטט, און אַז זיי האָבען געפונען, אַז ער איז טאַקי אַ גאָטט מיט אַללע סימנים, האָט מען באַלד שטאַפעטען אַרויסגעשיקט אָנצוזאָגען די גרויסע יְשוּעָה און מען האָט אַ יום טוב געמעלדעט פאַר'ן גאַנצען פאָלק. די גראָסטע לייט זיינען געפאָהרען אַ וויזיט מאַכען דער גאָטטליכער קינפּעטאָרין. דעם יונג גאָטטעל האָט מען באַלד אין אַ פּאַלאַסט אַריינגעפיהרט וואו ער האָט זיך געקאָרמעט 4 חֳדָשִׁים מיט מילך; דערנאָך זיינען געקומען די הייליגע שרייבער שרייבען די הייליגע פּראָטאָקאָלען וועגען זיין געבורט און וועגען די אַללע פעלדער און הַכְנָסוֹת וואָס געהערען צו איהם. אַקוראַט צום מוֹלָד האָט מען איהם אַוועק געפיהרט אין אַ עקסטראַ דערצו געבויטע שיף קיין מעמפיס, און מיט גרויס פּאַראַד און צערמאָני איהם געאָפענט זיין טעמפּעל, וועלכער האָט אַ גרויסען פּראַכטיגען לוסטגאַרטען דערנעבען, וואו דער יונגער גאָטט קאָנן זיך שפּאַצירען אויסגעהן און פערברענגען אַ פּאָר שעה צווישען זיינע גאָטטליכע חַבְרָתֶ'עס, יונגע קיהעלעך פון זיין אָלטער. צו איהם בוקט מען זיך, איהם ברענגט מען אָפּפער, ער האָט זיין גאַנצען פּריסטער שטאַט וואָס בעדינען איהם און זעלבסט אַ קאָניג גיבט מען ניט אָב אַזוי פיעל עהרע ווי דעם אָקסען־גאָטט. אָלטער ווי 25 יאָהר דאַרף אַזאַ אָקס אַ גאָטט ניט לעבען, זיינע אייגענע פּריסטער דערטרענקען איהם אין אַ הייליג וואַססער, מען באַלזאַמירט איהם און מען בעגראָבט איהם מיט פּאַראַד אין אַ קֶבֶר ווי אַ קאָניג. אויף דעם גאַנצען לאַנד ווערט אַ טרויער און פאַסטען ביז עס ווערט געבוירען אַ נייער גאָטט איין אָקס. הייליג איז אויך אַ קוה, אָבער נור הייליג, חאָטש זי שטעלט פאָר די זעלע פון דער געטטין איזיס (איזידאַ), נור געגוג מען גיט איהר אָב גרויס כָּבוד, מען טאָר זי ניט געברויכען צו קיין אַרבייט און ניט עסען איהר פלייש, קיין טעמפּעל אָבער האָט זי ניט.

חוץ די חַיוֹת, בְּהֵמוֹת און עופות, וואָס עקזיסטירן, האָבען די עגיפּטער געדינט צו אַ לעגענדאַרישען פויגעל פאָניקס (Phönix) און זיין הויפּט טעמפּעל איז געוועזן אין העליָאָפּאָליס (און). אויף דעם פויגעל האָט מען דערצאָהלט, אַז אַללע 500 יאָהר קומט ער צו פליהען פון מִזְרָח גלייך אין דעם טעמפּעל, וואָס איז געבויט פאַר דעם גאָטט רַע, און פערברענט זיך אין זיין אייגענער נעסט, וואָס איז עקסטראַ צוגעגרייט פאַר איהם אין דעם טעמפּעל; פון זיין פערברענטע אַש ווערט ער ווידער געבוירען און פליהט צוריק אַוועק קיין מזרח.

פֿון דעם זעלבען פֿויגעל האָבען שפּעטער אויך אַנדערע פֿעלקער גרויסע וואונדער דערצעהלט, אונ זעלבסט ביי יודען האָט מען פֿון איהם פֿערשידענע אַללעגאָריען דערצעהלט. אין די תּלמודישע זאַגען ווערט ער אָנגערופֿען: חול, אונ די אידישע לעגענדע זאָגט אויף איהם, אַז ער איז די איינציגע לעבעדיגע בּריה, וואָס האָט פֿון עץ הדעת ניט פֿערזוכט.

חוץ די אַללע גאָטטער איז יעדער פּרעה אויך אַ גאָטט געוועזען, אונ האָט זיינע אייגענע טעמפּעל געהאַט. דער ניל איז געוויס געוועזען איינער פֿון די גראָסטע גאָטטער, וואָס מען פֿלעגט איהם אָפּפֿער בּרענגען. מען האָט אֲפִילוּ אַ מאָהל דערצעהלט, אַז ביי יעדער אויספֿלייצונג פֿלעגט מען איהם אַ יונג מאָדעל אַלס אָפּפֿער בּרענגען ד. ה. פּשוט אין וואַססער אַריינוואַרפֿען. די נייעסטע געשיכטע-שרייבער אָבער האָבען פֿון דעם מנהג, צווישען די אַלטע עגיפּטישע כּתבים, קיין שום זכר ניט געפֿונען.

מען ערקלערט אֲפִילוּ, אַז דאַריבער איז דער אָקס אַזוי הייליג געוועזען, ווייל דער אָקס איז דער סימבּאָל (צייכען) געוועזען פֿון ערדאַרבּייט, אָבער פֿאַר וואָס זיינען אַנדערע חיות, וועלכע גיבען קיין שום צייכען ניט אויף ערגעץ וועלכע גרויסע נוטצען פֿון זיי, הייליג געוועזען? נור רעכט האָבען די עגיפּטישע פּריסטער געאַנטווערט, ווענן געלעהרטע מענשען פֿון אַנדערע פֿעלקער האָבען זיי געפֿראַגט וועגען דער עבודה צו בּהמות, חיות אונ עופות, אַז דאָס איז זייער סוד, וואָס קיין זייטיגער מענש טאָהר ניט וויסען. יעדער אַלטער גלויבען האָט זיינע סודות געהאַט, וואָס האָבען זיך ניט געלאָזט דערקלערען. דאָס גלויבענדע פֿאָלק האָט קיינמאָל קיין סודות ניט געוואוסט; קיין אַללעגאָריען ניט פֿערשטאַנען אונ געדיענט צום אָקס, צו דער קאַטץ, צום קראָקאָדיל אונ צום הונד, גלייך ווי צו די גאָטטער אָזירים, איזיס, פּתאַח אונ רע, האָטש זיי אַללע זיינען ביי די פּריסטער נישט מעהר ווי איין אונ דערזעלבער גאָטט געוועזען. די פֿערשידענע נאָמען, האָט מען זיי געגעבען לויט די נאַטור ערשיינונגען, וואָס די סבּה פֿון זיי האָט מען אין זיי געזעהן.

עס זיינען געוועזען אויך פֿערשידענע הייליגע פֿיש אונ גאָרטען-געוויכסע: אויף באָב האָט אַ פּריסטער ניט געטאָהרט אֲפִילוּ אַ קוק טהון; לינזען, ציבעלע אונ קנאָבעל, זיינען הייליג געוועזען אונ מען האָט געשוואָרן ביי לינזען, ציבעלע אונ קנאָבעל אַזוי ווי מען שוואָרט ביי דעם נאָמען פֿון גאָטט.

וועגען דעם תּכלית פֿון מענשען אונ פֿון דעם לעבען אין דער וועלט, דערקלערט דאָס „טוידטען-בּוך“, אָדער דאָס בּוך פֿון תּחית-המתים, וואָס מען פֿלעגט מיט יעדעם געשטאָרבענעם מקבר זיין, אין גאַנצען אינהאַלט, אָדער נור אין קאַפּיטלען פֿון איהם. דאָס טוידטען-בּוך ענטהאַלט אויסער תּפלות אונ תּחנות, וואָס זיינען מתקן דעם מענשענס זעלע, אויך די ערקלערונג, וועגען מענשענס זעלע.

די אַלגעמיינע פֿערנונפֿט, אָדער די ערסטע קוועלע, וואָס פֿון איהר שטאַמט די פֿערנונפֿט אַרויס, איז דער אָנהייב אונ דער סוף פֿון דער גאָטטהייט. אַ פֿונק פֿון יענער אַללגעמיינער פֿערנונפֿט איז אין יעדעם לעבענדען מענשען. דער פֿונק וואָלט אָבער דעם קאָרפּער באַלד פֿערבּרענען, דאַריבער איז ער איינגעוויקעלט אין דער זעעלע. דער פֿונק הייסט: ק אַ, די זעעלע — ב אַ, אָבער די זעעלע איז נאָך אויך צו ריין אונ קאָנן זיך נאָך ניט פֿערבינדען מיט'ן קאָרפּער, דאַריבער האָט נאָך דער מענש, אַ רוח, אָדער אַ אָטהעם. דיזע אַללע צוזאַמען זיינען אין איינעם אַ לעבעדיגער מענש. אַ חיה האָט נור אַ זעעלע מיט אַ רוח, אָבער ניט דעם גאָטטליכען פֿונק. דער פֿונק רייסט זיך שטאָנדיג צוריק צו פֿעראייניגען זיך מיט דער אַללגעמיינער פֿערנונפֿט, די זעעלע אָבער, אין וועלכער ער ליגט איינגעוויקעלט, איז אָפֿט נוטה צום קאָרפּער אונ העלפֿט איהם אויסצופֿיהרען זיינע תאוות; אַזוי איז אַ אייביגע מלחמה אין מענשען: דער פֿונק ציהט זיך נור צום גוטען, דער קאָרפּער נור צום בייזען, די זעעלע שטעהט אין מיטען אונ וועגט אַריבער, אַ מאָל אַהין, אַ מאָל אַהער. וועגט זיי אַריבער שטאָנדיג צום גוטען, קומט זי גלייך מיט'ן גאָטטליכען פֿונק צוריק צו גאָטט, דער קאָרפּער בלייבט רוהען ביז די זעעלע קומט צוריק צו איהם צו לעבען ווי אַ גאָטט. וועגט זי אָבער אַריבער צום שלעכטען, מוז זי אַראָב אין דער אונטערוועלט אונ שטעהען פֿאַר אָזיריסן אונ פֿאַר זיינע צוויי אונ פֿיערציג גאָטטליכע ריכטער. דאָרט ווערט דעם מענשענס האַרץ געלעגט אויף איין וואָגשאָל אונ זיינע מעשים אויף דער אַנדערער, וועגט דאָס האַרץ אַראָב איז די זעעלע זינדיג, וויל אַללע זינד קלויבען זיך אין מענשענס האַרצען, דאַן ווערט אַרויסגעשפּראָכען דער אורטהייל אַזוי פֿיעל אונ אַזוי פֿיעל צייט אין גיהנם אונ דערנאָך דורך אַזוי פֿיעל אונ אַזוי פֿיעל גלגולים דורכוואַנדערן, דער גאָטטליכער פֿונק וויקעלט זיך ווידער איין אין דער זעעלע אונ איז זיך נוקם פֿאַר אַללע די עבירות. פֿריהער האָט די זעעלע, מיט'ן קאָרפּער צוזאַמען, הנאה געהאַט פֿון די זינד, איצט אַז זי איז אָהן אַ קאָרפּער מאַכט איהר יעדע זינד די פֿיינליכסטע שמערצען. דער גאָטטליכער פֿונק אָבער טרייבט זי איצט איבער צו טהון אַללע יענע זינד, וואָס זי האָט צוזאַמען מיט'ן קאָרפּער געטהון אונ זי ליידט דערביי נאָך אָרגער ווי אין גיהנם. זיך צו בעפֿרייען פֿון אַזאַ פּיין זוכט די זעעלע מיט אַ מענשליכען קאָרפּער זיך צו פֿערבינדען, אונ קריכט זי אַריין אין אַ קאָרפּער פּייניגט זי איהם אָהן רחמנות, ברענגט אויף איהם אַללע קראַנקהייטען, מאַכט איהם משוגע, אָדער ברענגט איהם צו זעלבסט מאָרד. אַזוי געהט די זעעלע פֿון איין גוף אַרויס, אין דעם אַנדערן אַריין, ביז זי טהוט איבער די אַללע זינד, וואָס זי האָט געהאָלפֿען איהר ערסטען קאָרפּער זינדיגען, דאַן ווערט זי בעפֿרייט אונ אויסגעלאָשען. די גערעכטע זעעלע, קאָנן נאָך אויך ניט באַלד פֿעראייניגען זיך מיט **דער אַללגעמיינער פֿערנונפֿט, זי וואַנדערט נאָך אַרום אין הייליגע טהירע, אין**

הייליגע פֿויגעל, פֿיש און געוויכסע, בעזונדערס אין דעם לאָטאָס בלום, און דאַנן געהט אַרויס דער אורטהייל, זי זאָלל זיך מיט גאָטט פֿעראייניגען; עס צערשטרייען זיך אַללע שאָטען, אַלץ ווערט איהר ליכטיג, זי ווערט אַריינגעמישט צווישען אַללע גאָטטער, זי ווערט די פֿערנונפֿט אַלליין און קומט צו דער עוויגער זעליגקייט. מיט וואָס אָבער קאָנן די זעעלע אין לעבען ריין זיין? דאַרויף האָבען געאָנטפֿערט די פּריסטער: דורך אָפּפֿער, דורך הייליג האַלטען די גאָטליכע טהירע און דער עִיקָר, דורך פֿאָלגען די קאָניגליכע געזעצע, און ניט פֿערלייקענען די אַיינטראַגע פֿון די פֿעלדער, דערפֿון דעם געוויסען פּראָצענט אָב צו צאָהלען דער רעגירונג.

---

## פָּאָליטישע און סָאָציַאַלע פֿערהֶאֶלטניססע.

הערראָדאָט און דיאָדאָר שרייבען, אַז אין עגיפּטען איז דאָס פֿאָלק אַיינגעטהיילט געוועזען אין בעזונדערע קאַסטען, האָטש ניט אַזוי שטרענג ווי אין אינדיען, אָבער דעננאָך ווייט און גענוג אָבגעזונדערט איין קאַסטע פֿון דער אַנדערער. נאָך זייער עֵדוּת האָבען זיך געהאַלטען כִּמְעַט אַללע היסטאָריקער ביז דער לעצטער צייט. איצט, ווענן מען קאָנן שוין לעזען און פֿערשטעהן דעם הירראָגליפֿען כְּתָב, האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז אין עגיפּטען האָט קיינמאָל ניט עקזיסטירט קיין קאַסטען-אַיינטהיילונג. דאָס פֿאָלק איז נור צוטהיילט געוועזען אין די געוואָהנליכע קלאַססען פּונקט ווי די איצטיגע אַיינוואָהנער אין יעדעם ציוויליזירטען לאַנד: אין פּריסטער, אין מיליטער, אין ערדאַרבייטער, האַנד ווערקער און קויפֿלייטע. יעדער פֿונ'ם פֿאָלק האָט זיך געקאָנט אַרויפֿהייבען געצאָהלט צו ווערן אין די העֶכערע קלאַססען. עס איז שווער געוועזען אַ פּריסטער צו ווערן, ווייל די גאַנצע לעהרע און וויסענשאַפֿט איז ביי זיי אַ סוד געוועזען, האָבען זיי אָבער אין די פֿאָלקס שוהלען, וואו זיי זיינען די לעהרער געוועזען, געפֿונען אַ פֿאָהיגען תַּלְמִיד האָבען זיי איהם אין זייערע העֶכערער שוהלע אַריינגענומען, ביי איהם אַ שְׁבוּעָה גענומען, אַז ער וועט אַלץ בְּסוֹד האַלטען ווי זיי, און ער איז, נאָך אַ געוויסען עקזאַמען, אַ פּריסטער געוואָרן.

די פּריסטערשאַפֿט איז ניט איבערגעאַנגען בִּירוּשָׁה פֿון עֶלטערן צו קינדער, אַ ניט געלעהרנט קינד פֿון אַ פּריסטער איז אָפֿט געוואָרן אַ בַּעַל-מְלָאכָה אָדער סוֹחֵר גלייך מיט אַללע. די אַרמעע איז בעשטאַנען פֿון רעקרוטען, וואָס מען האָט גענומען פֿונ'ם פֿאָלק פֿון אַללע קלאַססען. פּריסטער זיינען אָפֿט אויך די גענעראַלן געוועזען פֿון דער אַרמעע. יִחוּס האָט געגאָלטען אין עגיפּטען, גלייך ווי איצט אין אייראָפּאַ, יעדער יַחְסָן, וואָס זיך וויל נור פֿאַר געלט ניט פֿערקויפֿען, זוכט זיך מְשַׁדֵּךְ צו זיין מיט אַזאַ יחסן ווי ער איז אַלליין, און אין עגיפּטען איז אויך דאָס זעלבע געוועזען.

די פריסטער האָבען געשפּיעלט די גרעסטע ראָללע אין לאַנד, ווייל זיי זיינען קליגער אונ געלערנטער געוועזן, אונ דאָס לאַנד האָט פֿון זיי אויך גרויסע נוטצען געהאַט. ניט אַללע אונ ניט אַללע מאָל האָבען זיי נור זיך אין זינען געהאַט. עס געפֿינען זיך אַלטע פּאַפּירוסען וואָס ווייזען, אַז פּריסטער האָבען אָפֿט פֿאַר דאָס פֿאָלק געזאָרגט מעהר ווי פֿאַר זיך.

די געצוואונגענע אַרבייט פֿאַר דער רעגירונג, איז אַבהאָנגיג געוועזן פֿון דעם קאָניגס נאַטור. איז ער אַ דעספּאָט געוועזן האָט ער אויף זיינע אונטערטהאָנער געקוקט ווי אויף זיינע קנעכט אונ געטהון מ׳ט זיי וואָס ער האָט געוואָלט, איז ער אַ מענש מיט יושר געוועזן האָט ער דעם פֿאָלק זיינע רעכטע געגעבען. קיין געזעץ איז ניט געוועזן מען זאָלל מאָגען צווינגען צו קאָניגליכע אַרבייט.

ביז די היקשאָס קאָניגע איז די ערד פֿון לאַנג צוטהיילט געוועזן אין דרייען. אַ דריטעל האָט געהערט צום קאָניג, אַ דריטעל צום פֿאָלק אונ אַ דריטעל צו די פּריסטער, עס זיינען נאָך געוועזן רייכע גוטסבעזיצער, וואָס יעדער פֿון זיי האָט געמאָגט פֿערקויפֿען זיין פֿעלד ווי זיין אייגענס. די היקשאָס קאָניגע האָבען אין אַ הונגער צייט אָבגעקויפֿט ביי זיי זייערע פֿעלדער, ווי עס ווערט אויך אין דער ביבעל דערצאָהלט. פֿון דענסטמאָל אָן האָט די גאַנצע ערד געהערט צו דער מְלוּכָה, אונ זי האָט זי ווידער צוטהיילט אין דריי חֲלָקִים: אַ דריטעל האָט געהערט צום קאָניג, אַ דריטעל צו דער אַרמעע, אונ אַ דריטעל צו די פּריסטער, צו די גאָטטער אונ טעמפּעל, דאָס הייסט: זיי האָבען אַ געוויסען צינז גענומען פֿון דעם פֿאָלק, וואָס האָט די פֿעלדער בעאַרבייט, דאָס פֿאָלק האָט קיין ערד ניט געהאַט, עס האָט געוואָהנט אויף פֿרעמדער, קאָניגליכער, גייסטליכער אָדער מיליטערישער ערד, אונ האָט זיי אַרענדאָ געצאָהלט. דורך דעם איז די אַרבייטס קלאַססע, אין אַ געוויסער בעציהונג, געוועזן ווי פֿערקנעכטעט, אונ דער קאָניג האָט זיי געקאָנט צווינגען צו געוויסער אַרבייט צו אַ געוויסער צייט אין יעדעם יאָהר. ביי אַללעם דעם האָט דאָס פֿאָלק אויך זיין פֿרייהייט אונ זיינע רעכטע געהאַט, אונ דער קאָניג האָט געמוזט די רעכטע פֿונ׳ם פֿאָלק היטען.

די פּריסטער זיינען בעשטאַנען פֿון זעכס קלאַססען

1) פּראָפֿעטען: פֿון זיי זיינען געוועזן די גרעסטע פּריסטער, מען האָט זיי פֿאַר הייליגע געהאַלטען אונ זיי האָבען די גרעסטע שטעלן אין דער מְלוּכָה פֿערנומען, זעלבסט די אַנפֿיהרער פֿון דער אַרמעע זיינען פֿון זיי געוועזן.

2) די סטאָליסטען: די היטער אונ מַשְׁגִיחִים אויף די הייליגע קליידער אונ כֵּלִים אונ די אויספֿיהריר פֿון אַללע פֿאָרגעשריבענע צערמאָניען.

3) די היראָגראַממאַטען: אָדער די טעמפּעל=שרייבער, זיי זיינען געוועזן די רעכטע געלעהרטע. (געווים די חַרְטוּמֵי מִצְרַיִם, פֿון דעם העברעאישען וואָרט: חֶרֶט

קריצען, שרייבען, ווייל די עגיפטישע שריפט פֿלעגט זיין געקריצט אין שטיין, זעלבסט אויף באַפּירוסען פֿלעגט מען מיט אַ גריפֿעל איינקריצען).

4) האָראָסקאָפּען: די וואָס האָבען געקאָנט די שטערנדייטעריי (חוזי כוכבים) און די מאַגישע קונסט *). פֿון זיי זיינען אויך געוועזן די עֶרצטע און רופאים.

5) זאָנגער און מוזיקער.

6) פּאַסטאָפֿאָרען: קלענערע אַרטען גייסטליכע, שַמָשים אין די טעמפּעל, בעדינער פֿון הייליגע טהיערע, די טראָגער פֿון די הייליגע בילדער צו די צערמאָניען, אויך די איינבאַלזאַמירער.

די פּריסטער האָבען געמוזט צוויי מאָל טעגליך אין וואַססער געהען און איינמאָל אין דריי טאָג גאָלען באָרד, ברעמען און קאָפּ. געטראָגען האָבען זיי נור ווייסע ליינענע קליידער מיט אַ לעאָפּאַרדען פֿעל איבער די אַקסלען. ניט אַללע שפּייזען, וואָס דאָס פֿאָלק האָט געגעסן האָט געמאָגט עסען אַ פּריסטער. מעהר ווי איין פֿרוי האָבען זיי ניט געטאָהרט נעהמען, חאָטש יעדען עגיפּטער איז ערלויבט געוועזן צו נעהמען פֿרויען וויפֿיעל ער וויל. אין די עֶלטערע צייטען זיינען געוועזן פּריסטערינס גלייך ווי פּריסטער, אין די שפּעטערע צייטען האָבען פּריסטערס פֿרויען און שוועסטער געמאָגט נור אין הייליגע פּראָצעסיאָנען טראָגען די גאָטטער-בילדער צוגלייך מיט די פֿרויען פֿון דעם קאָניג, אָבער ברענגען די אָפּפֿער האָבען שוין פֿרויען ניט געטאָהרט. גלייך מיט דער קרוין האָט דער קאָניג בעקומען אויך דעם טיטול פּריסטער, און זיין קָרבן האָט ער אַלליין צוגעריכט. בִּכלל איז דער קאָניג פֿערנומען געוועזן מיט די צערמאָניען, וואָס האָבען ביי איהם צוגענומען 2 דריטעל צייט פֿון טאָג. מען האָט געגוי געוואוסט, ווענן דער קאָניג עסט און וואָס ער עסט, ווענן ער שלאָפֿט און ווען ער וואַכט אויף. זיין טיטול איז געוועזן: „הערר פֿון דער קרוין”, קאָניג פֿון דער שוואַרצער און רויטער ערד. (ד. ה.: פֿון עגיפּטען און פֿון דער וויסטע), „הערר פון ביידע וועלטען”. האָט מען צו איהם גערעדט אָדער געשריבען האָט מען געזאָגט: „אייער הייליגקייט”.

איז דער קאָניג געשטאָרבען איז אין גאַנצען לאַנד 72 טאָג טיפֿער טרויער געוועזן. אין דער טרויער-צייט זיינען אַללע טעמפּעל געוועזן געשלאָסען און זעלבסט די גאָטטער האָבען זיך געמוזט בעגעהן אָהן אָפּפֿער. קיינער האָט ניט געטאָהרט עסען קיין פֿלייש און ניט טרינקען קיין ווין, און פֿון די פֿרויען געמוזט זיין אָבגעזונדערט. גאַנצע מַחֲנות מאַנער און פֿרויען זיינען אומגעגאַנגען מיט אַש אויף די קאָפּ און געזונגען געוויסע קלאָג ליעדער; ערסט נאָך דער קְבוּרָה פֿלעגט מען מעלדען,

*) מאַגיע (Magie) צויבערער, געהיימע קונסט, אָבשפּראַכער, שֵדים בעשווערער, שוואַרץ-קינסטלער.

ווער איז קאָניג געוואָרן נאָך איהם, אונ דאָס פֿלעגט אָפֿט די סִבָּה זיין פֿון אינערליכֿע קריג צווישען די פּרעטענדענטען אויף'ן קאָניגליכֿען טראָהן.

דאָס לאַנד איז צוטהיילט געוועזן אין קליינע פּראָווינצען, וואו פֿירסטען אָדער גייסטליכֿע זיינען די שטעלפֿערטרעטער פֿונם קאָניג געוועזן. פֿריסטער אונ מיליטער האָבען קיין צינזען אונ אָבגאָבען ניט געצאָהלט, דערפֿאַר אויך אין פֿרידענס־צייט קיין געהאַלט פֿון דער רעגירונג ניט בעקומען.

די שטראָפֿען פֿאַר אַ פֿערברעכֿען זיינען געוועזן שטרענג. פֿאַר מאָרד האָט מען צום טוידט פֿעראורטהיילט; איז ווער דערביי געשטאַנען אונ דעם מאָרדער ניט געוועהרט, אָדער פֿון דעם מאָרדער געוואוסט אונ ניט אויסגעזאָגט, האָט מען איהם גלייך ווי דעם מאָרדער זעלבסט צום טוידט פֿעראורטהיילט. פֿאַר פֿאַלשע עֵדות האָט מען פֿעראורטהיילט מיט דערזעלבער שטראַפֿע, וואָס האָט יענעם געקומט פֿעראורטהיילט צו ווערן לויט נאָך די עדות וואָס ער האָט געזאָגט. פֿאַר עלטערן־מאָרד, האָט מען מיט שפּיציגע קרוקעס שטיקער פֿלייש פֿון לייב אויסגעריסען אונ דערנאָך אויף דאָרנער געלעגט אונ לעבעדיגערהייד פֿערברענט. האָט אַ מוטטער איהר אייגען קינד געטוידט האָט זי דאָס טוידטע קינד דריי טאָג אונ דריי נאָכֿט געמוזט ביים הארצען האַלטען אונ אויף אַ רֶגַע פֿון איהם ניט לאָז ווערן, אַ וואָך האָט דאַרויף אַכֿטונג געגעבען. פֿאַר ניט בעצאָהלטע שולדען האָט מען דעם שולדנערס אייגענט פֿערקויפֿט, אָבער דעם שולדנער זעלבסט האָט מען אֲפִילוּ אין תְּפִיסָה ניט געקאָנט נעהמען; איז דער שולדנער געשטאָרבען, האָבען די בַּעֲלֵי חובות דאָס רעכֿט געהאַט די קְבוּרָה ניט צו דערלאָזען, ביז די יוֹרְשִׁים בעצאָהלען ניט אין גאַנצען דעם חוב. אֲפִילוּ אַ מוּמְיָע, ד. ה. דעם בּאַלזאַמירטען קאָרפּער, האָבען די בעלי חובות רעכֿט געהאַט פֿאַר אַ מַשְׁכּוֹן צו נעהמען, אונ האַלטען ביי זיך, ביז די יורשים לייזען זי אוים.

נעגען דעם איז גְנֵבָה געוועזן אַ געזעצליכֿע פּראָפֿעססיאָן, וואָס האָט דערפֿאַר קיין שטראַפֿע געקומט. האָט איינער געוואָלט ווערן אַ גַנָב, האָט ער זיך געמוזט איינשרייבען אין גְנֵבִישען צעך אונ אַלץ, וואָס ער גנבעט געמוזט ברענגען צו דעם אָבער־העדר פֿון אַללע גנבים. איז איינער געקומען אָבזוכֿען זיין גְנֵבָה האָט ער געמוזט געבען די ריכֿטיגע סִימָנִים: ווענן אונ וואָס האָט מען ביי איהם געגנבעט, אונ בעצאָהלען אַ פֿיערטעל ווייעל די גנבה איז ווערט, האָט מען איהם זיינע זאכֿען אונ געלדער אין שטוב אריינגעטראָגען.

די פֿרויען האָבען פֿאַללע רעכֿטע אונ פֿרייהייט געהאַט ווי די מאָננער, אונ דאַריבער זיינען זיי אויך גוטע מוטטער אונ גוטע ערציהערינס געוועזן פֿאַר זייערע קינדער. פֿיעל פֿון זיי האָבען זיך בעריהמט געמאַכֿט מיט זייערע שאָנע האַנד אַרבייט.

דאָס הויזליך לעבען, וויפיעל די רעליגיאָן אונ מיטעל האָבען נור ערלויבט, איז געוועזען ערטראָגליך אונ אָפט אויך בעקוועם. יעדער פערמאָגליכער עגיפּטער האָט זיין הויז אויסגעפּוצט מיט שאָנע כּלים אונ מעבעל, געפלאַנצט אַרום הויז אַ פרוכט גאַרטען מיט שאָטיגע בוימער. עס פלעגען זיך אָפט געסט צוזאַמענקומען צו פערברענגען די צייט אין געזעללשאַפט; די בעסטע אונטערהאַלטונג איז בעשטאַנען, אין לעגענדען אונ געשיכטען דערצעהלען, אונ דערצו זיינען געוועזען עקסטראַ אַזעלכע מענשען, וואָס האָבען אַזעלכע ערצעהלונגען פיעל געהאַט.

העראָדאָט דערצעהלט, אַז ביי יעדעם פערמאָגליכען עגיפּטער האָט זיך שטאַנדיג געפונען דאָס בילד אָדער סטאַטוע פון געשטאָרבענע עלטערן אָדער קינדער. דער ווירטה פלעגט דאָס בילד צוטראָגען צו זיינע געסט מיט די וואָרטער: „ער האָט אויך אַ מאָל געלעבט, געגעסען אונ געטרונקען; איצט ברויך ער שוין גאָר נישט ווייל ער איז טויט, מיר אָבער לעבען, דאַריבער ברויכען מיר עסען אונ טרינקען מיר זאָללען אונז פּנים ניט האָבען ווי ער!“.

## וויססענשאַפט אונ קולטור.

אין דערזעלבער צייט, ווען דאָס עגיפּטישע פּראָסט פאָלק האָט געלעבט אין פינסטערן אַבערגלויבען אונ אונוויסענהייט, האָבען די פּריסטער שוין געוואוסט פון פיעל לעהרען אונ חכמות, וואָס זיינען ביי אַנדערע פעלקער זעלבסט שפּעטער נאָך ניט בעקאַנט געוועזען. די פיעל שריפטען, וואָס זיינען פון די עלטעסטע עגיפּטישע צייטען געבליבען, ווייזען, אַז די פּריסטער האָבען אַ גרויסע ידיעה געהאַט אין אַסטראָנאָמיע, אונ האָבען ניט נור געקאָנט אונטערשיידען די בעוועגליכע שטערן (פּלאַנעטען) פון די אונבעוועגליכע (פיק שטערן), נור זיי האָבען אויך געוואוסט ווי אויסצורעכענען ריכטיג אונ בעשטימען פריהער, ווען עס דאַרף זיין לקוי חמה אונ ווען אַ לקוי לבנה. אַזוי האָבען זיי אויך גענוי אויסגערעכענט, אַז דאָס יאָהר האָט 365 מיט 1/4 טאָג. צוליעב דעם האָבען זיי זייער קאַלענדאַר איינגעטהיילט אין 12 מאָנאַט צו 30 טאָג, דעם 12־טען חדש האָט מען צוגעגעבען אַ עיבור פון נאָך 5 טאָג.

נאַטירליך האָט צו יענער נאָך אַבערגלויבישער צייט, ניט געקאָנט זיין דער ריכטיגער בעגריף פון דער זונן אונ שטערן, דאַריבער האָבען אַנדערע פון די פּריסטער די אַסטראָנאָמישע וויססענשאַפט געברויכט צו שטערנדייטעריי (אַסטראָלאָגיע) ד. ה. זיי האָבען נאָך דעם גאַנג פון די שטערן אויסגעדייט אויף דאָס מזל פון דעם מענשען, פון'ם קאָניג אונ פון גאַנצען פאָלק, אונ האָבען די לעהרע דערפון, מיט

דער צייט איבערגעמאַכט פֿאַר אַ שווינדעל געשאַפֿט און שאַרלאַטאַנעריי, וועלכע האָט זיך אויך ביי אַנדערע פֿעלקער געהאַלטען ביז דער לעצטער צייט.

בעריהמט איז געוועזן די עגיפּטישע אַרצניי־קונסט (מעדיצין). דאָס איינבאַלזאַמירן האָט די פּריסטער גאַנץ פֿריה בעקאַנט געמאַכט מיט דעם געבוי פֿון מענשענס קערפּער, וויפֿיעל גלידער יעדער קערפּער האָט, אויך מיט דעם מענשענס אינגעווייד, דורך דעם האָבען זיי אַ רעכטע יְדִיעָה געהאַט אין דער אַנאַטאָמיע. זיי האָבען בענוצט פֿערשידענע גראָזען, קרייטער און זאַלצען צו זעהן זייער ווירקען ביי יעדער קראַנקהייט, און דאָס האָט אַלץ זייער ידיעה אין דער היילקונסט פֿערמעהרט און ענטוויקעלט. בעזונדערס זיינען זיי גוטע אויגען אָרצטע געוועזן. אין עגיפּטען איז די אויגען קראַנקהייט אַ בעשטאַנדיגע קרענק, און זיי האָבען די קרענק גוט פֿערשטאַנען ווי אויסצוהיילען. די הויפּט מעדיצין איז בעשטאַנען געוועהנליך אין אָבפֿיהרונגען; אֲפִילוּ אַ געזונדען מענשען האָבען זיי געראָטהען, האָטש איינמאָל מאָנאַטליך איין אָבפֿיהרונג איינצונעהמען. דער חִסָרוֹן דערביי איז אָבער געווען, וואָס די אֶרצטע האָבען ניט געטאָהרט פֿריי בענוצען זייער וויסענשאַפֿט נאָך אייגענער ערפֿאַהרונגהייט, נור זיי האָבען געמוזט זיך האַלטען אָן דער מעטאָדע ווי עס האָט זיך פֿאַר יעדע קרענק פֿאָרגעשריבען אין די מעדיצינישע ביכער פֿון לאַנגע צייטען פֿריהער. קוים האָט איין עגיפּטישער אַרצט בעהאַנדעלט זיין קראַנקען נאָך אייגענער ערפֿאַהרונג, און יענער איז געשטאָרבען, איז דער אַרצט פֿעראַנטוואָרטליך געוועזן גלייך ווי אַ הוֹרֵג נֶפֶשׁ. איבער דעם האָט די היילקונסט קיין גרויסע פֿאָרטשריט ניט געקאָנט מאַכען.

חוץ רעצעפּטען, מיקסטורען, פּולווער, זאַלבען און וואַנעס, פֿלעגט דערזועלבער אַרצט פֿערשרייבען הַשְׁבָעוֹת, די באָזע גייסטער פֿון דעם קראַנקען צו פֿערטרייבען, ווייל ביי אַלל זייער וויסען האָט מען נאָך געגלויבט, אַז ביי יעדער קרענק איז שולדיג אַ רוּחַ אָדער אַ דִבּוּק, וואָס פֿון איהם שטאַמט יעדע קרענק. פֿונדעסטוועגען געפֿינט מען עגיפּטישע שריפֿטען וואָס ווייזען, אַז די אָרצטע האָבען פֿיעל וויכטיגע און גוטע מיטעל געוואוסט צו פֿערשידענע קראַנקהייטען. אַזוי געפֿינט מען בילדער, וואָס שטעלען פֿאָר היפּנאָטיזירטע, ד. ה.: איינגעשלעפֿערטע מענשען דורך מאַגנעטישער קראַפֿט פֿון די אָרצטע, אויף דעם זעלבען אופֿן ווי מען געברויכט עס איצונד. אַזעלכע היפּנאָטיזירטע מענשען האָבען אויך די פּריסטער בענוטצט צו זייער אָראַקעל. גראָסער ווי אין דער מעדיצין איז זייער ידיעה געוועזן אין דער וויסענשאַפֿט פֿון חעמיע. דאָס איינבאַלזאַמירן אַ טוידטען קערפּער ער זאָלל אייביג ניט צופֿוילט ווערן, ווייזט שוין, אַז זיי האָבען העמישע מיטעל דערצו געברויכט. נאָך מעהר זעהט מען עס פֿון די פֿאַרבען, מיט וואָס זייערע בילדער זיינען געמאָהלט, וואָס נור דורך חעמישער צוזאַמענשטעלונג פֿון די פֿאַרבען זיינען זיי נאָך איצט אונפֿעראַנדערט געבליבען. אין

די לעצטע צייטען האָט מען אויך געפֿונען פֿערשידענע קופּערנע פּלאַטען מיט אַזעלכֿע בילדער אויף זיי, וואָס ווייזען אַז זיי זיינען געמאַכֿט געוואָרן דורך גאַלוואַנאָ פּלאַסטיק *).

די פּיראַמידען און טעמפּעל, וואָס זיי האָבען געבויט, אויך די סטאַטוען, וואָס זיינען פֿון יענער צייט אַזוי פֿיעל געבליבען, ווייזען ווי ווייט ענטוויקעלט עס איז ביי זיי געוועזן די קונסט פֿון בויען, אַרכֿיטעקטוריע און סקולפּטור אַרבייט. זעלבסט די חסרונות, וואָס איצטיגע קינסטלער געפֿינען אין יענער אַרבייט, זיינען ניט די קינסטלער שולדיג, נור די קעניגע, וואָס האָבען געזוכֿט זיך אויסצוצייכֿענען ניט אַזוי מיט דער שעָנקייט און ריכֿטיגקייט ווי מיט דער גרויסקייט פֿון זייער אַרבייט. אַללע געביידען זיינען ריעזענאַרטיג, די סטאַטוען פֿון רעמְסֵס דעם צווייטען און פֿון אַנדערע עגיפּטישע קעניגע, וועלכֿע זיינען נאָך איצט דאָ, זיינען אַזוי גרויס אַז פֿון דעם מאַטעריאַל, וואָס איז אויף'ן איינצעלנעם גליד פֿערברויכֿט געוואָרן פֿון אַזעלכֿע סטאַטוען, קאָנן מען אַ גאַנצע סטאַטוע אויסהאַקען. די גרויסקייט און ריזענאַרטיגקייט איז די כַּוָנָה געוועזן ביי יעדער אַרבייט און ניט די שעָנקייט און ריכֿטיגקייט. חוץ דעם האָט דער קינסטלער זיך שטענדיג געמוזט האַלטען נאָך דעם פֿאָרגעשריבענעם פּלאַן פֿון די גייסטליכֿע און אָפֿט אויך פֿון קעניג אַלליין. דער אֱמֶת'ר קינסטלער אָבער מוז, ביי זיין אַרבייט, די פֿאָללע פֿרייהייט האָבען צו בעאַרבייטען זיין ווערק נאָך זיין אייגענעם געשמאַק ווי איהם געפֿעָללט, ניט ווי דער אַנדערער וויל, און וורייל יענע קינסטלער האָבען ביי זייער אַרבייט אַזאַ פֿרייהייט ניט געהאַט, קאָנן מען פֿון די אַלטע סטאַטוען און אַרכֿיטעקטור־אַרבייט ניט אורטהיילען אויף דעם טאַלענט פֿון יענע, וואָס האָבען זיי געמאַכֿט. יעדענפֿאַללס זעהט מען, אַז די קינסטלער אין עגיפּטען האָבען שוין אין די אֶלטעסטע צייטען אַ גרויסע ידיעה געהאַט אויך אין דער אֶמת'ר קונסט.

---

## די הירָאגליפען (כְּתַב הַחַרְטוּמִים).

אָבוואָהל עס זיינען אַזוי פֿיעל אויפֿשריפֿטען געבליבען אויף אַללע אַלטע עגיפּטישע מאָנומענטען, פֿונדעסטוועגען האָט מען ביז דער לעצטער צייט גאַנץ ווענינ זיכֿערעס און געוויסעס געוואוסט פֿון דער אַלטער עגיפּטישע געשיכֿטע. די

---

*) גאַלוואַני פּלאַסטיק הייסט: די קונסט ווי יעדעס בילד און צייכֿנונג דורך עלעקטריצעט אויף קופּער אַריבערצונעהמען. עס איז נאָך קיין 50 יאָהר אַז מען איז דערפֿון אין איירָאפּאַ געוואָהר געוואָרן.

אַללע אויפשריפטען פון די אָבעליסקען, שטיינערנע פלאַטען און אויף די וואַנד פון אַלטע עגיפּטישע קְבָרִים בעשטעהן אין בילדלעך פון מענשען, חַיוֹת און בְּהֵמוֹת, פון אַללערליי עקזיסטירענדע געגענשטאַנדע און פון איינצעלנע גלידער פון זיי. אַזאַ מין כְּתָב האָבען די גריכען אַ נאָמען געגעבען: היראָגליפען: די שריפט פון גאָטליכע ווערטער. ווי אַללער אַרט וויסענשאַפט איז דער מין כתב אויך אַ פערשלאָסענער סוד געוועזן, וואָס נור די פּריסטער אַלליין האָבען איהם געקאָנט לעזען. טויזענדער יאָהרען האָבען זיך די געלעהרנסטע מענשען פון פערשידענע לאַנדער און פאָלקער געמיהט דען שליסעל צו געפינען ווי דעם מין כתב צו לעזען און וויססען דעם אינהאַלט פון אַזוי פיעל געבליבענע אויפשריפטען. מען האָט גוט פערשטאַנען, אַז די אויסגעהאַקטע און אַיינגעקריצטע בילדלעך און פיגורען זאָגען עפּיס, דערצאָהלען געוויסע בעגעבענהייטען פון אַלטע צייטען, נור וואָס זיי זאָגען, וואָס זיי דערצאָהלען, איז אַ סוד געבליבען ביז די לעצטע צייטען.

אין יאָהר 1797, ווענן נאַפּאָלעאָן דער 1-טער איז מיט זיין אַרמעע אין עגיפּטען געוועזן, האָט זיינער איין אָפיציער, אין דער שטאָדט ראָזעטטע געפונען אַ שטיין מיט היראָגליפען און מיט אַ גריכישער אויסגעקריצטער איבערזעטצונג פון דעם היראָגליפען אינהאַלט. דער שטיין געפינט זיך איצט אין ברימישען מוזעאום אין ענגלאַנד. אַללע געלעהרטע האָבען זיך גענומען שטודירען, דורך דער גריכישער איבערזעטצונג צו דערגעהען די בעדייטונגען פון יעדער פיגורע און בילד פון די היראָגליפען. צענדליגער יאָהרען האָבען די בעסטע מוחות מיה און פלַיים פערבראַכט, ביז עס איז ענדליך געלונגען צו דערגעהן די כְּלָלִים פון דעם געהיימען כתב. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז די היראָגליפען בעשטעהען פון דריי זיסטעמען צייכענס: 1) פון פיגורען, וואָס בעצייכענען נור בוכשטאַבען (אוֹתִיוֹת); 2) פון אידעאָגראַממען: פיגורען, וואָס בעצייכענען אַ גאַנצע אידעע אָדער געדאַנקען. לְמָשָׁל: אַ בילדעל פון דריי בערגלעך, בעצייכענט בערגעגע געגענדען, אויך דאָס וואָרט: „אויסלאַנד", וויל עגיפּטען איז געוועזן אַ פלאַך לאַנד, איז אַ פרעמד לאַנד בעצייכענט געוואָרן ווי בערג. אַ בילד פון אַ אָפען אויג, בעדייט אין היראָגליפען: „וואַכען", „היטען" „וויסענשאַפט". אַ קאָפּ פון אַ הונד, בעדייט: „גערוך", „אָטהעם", „פרייד און פערגניגען". אַ אויסגעשטרעקטע האַנד מיט אַ שטיק ברויט, בעדייט: „געבען"; הונגער ווערט פאָרגעשטעלט: אַ מענש וואָס האַלט די האַנד צום מויל; אַ קאַלב, וואָס לויפט צו צו אַ וואַססער בעדייט: דורסט. הערשונג און מאַכט, ווערט פאָרגעשטעלט: אַ מענש וואָס האַלט אַ קאַנטשיג אין דער הויך. אַ אָלע בעדייט: גערעכטיגקייט, אַ שטרויספעדער, בעדייט: אֱמֶת און בעשטאַנדיגקייט. אַזעלכע געדאַנקען-בילדער און פיגורען זיינען דאָ 800. דעננאָך זיינען זיי ווייניג אַ גאַנצע בעשרייבונג אָדער דערקלערונג איבערצוגעבען, דאַריבער האָבען די פּריסטער בענוטצט נאָך אַ זיסטעמע, וואָס

בעצייכענט אַ גאַנצע זילבע (הֲבָרָה), למשל: אויף עגיפּטיש לָשון איז „אַר" איין אויג, האָט מען צוגעשטעלט איין אויסגעמאָלט אויג צו די אַללע ווערטער, וואָס קומט אַריין אין זיי די זילבע „אַר". צו בעמערקען איז דערביי, אַז גאָר די אַלטע, ווי פון דער דריטער און 4-טער דינאַסטיע, האָבען נור געשריבען מיט דער אידעאָגראַממען אַלליין, ד. ה.: נור מיט בילדלעך, וואָס שטעלן פאָר אַ גאַנצען געדאַנקען. פיגורען וואָס בעצייכענען איינצעלנע בוכשטאַבען אָדער גאַנצע זילבען (הֲבָרוֹת) זיינען צוגעקומען ערסט אויף די אויפשריפטען פון דער שפּעטערער צייט. ווי לאַנג מען איז אויף דעם שֵׂכֶל ניט געפאַללען, ניט אַללע בילדלעך מיט איין מעטאָדע צו לעזען, האָט מען אין די הירעגליפען גאָר נישט פערשטאַנען; איצט אַז מען ווייסט שוין, אַז ניט אַללע צייכען בעדייטען אַ גאַנצען געדאַנקען, לעזט מען די הירעגליפען לייכט און זיכערער, האָטש מען מוז דערביי פיעל געניטקייט און אַ שאַרפע הַשָׂגָה האָבען.

חוץ די הירעגליפען, וואָס זיינען געבליבען אויף מאָנומענטען און טעמפּעלוואָנד איינגעקריצט, האָבען די פּריסטער געהאַט נאָך אַ אַרט שווערע שריפט מיט וועלכע זיי האָבען געשריבען אויף די פּאַפּירוסן. יענע שריפט רופען די גריכען אָן: הירעטישע שריפט; זי איז קירצער געוועזן ווי די הירעגליפען אָבער אויך שווער גענוג צו שרייבען און צו לעזען. דאָס איינפאַך פאָלק אָבער האָט געהאַט נאָך אַ דריטען אַרט כְּתָב, וואָס איז אָנגערופען געוואָרן: די דעמאָטישע-שריפט, אָדער פאָלקס-שריפט; זי בעשטעהט שוין כִּמְעַט פון בוכשטאַבען און פון זילבען, אָהנליך צו דער איצטיגער אַראַבישער שריפט.

די פּריסטער האָבען ערנסט געשטודירט און געזאַמעלט זייערע ערפינדונגען און וויסענשאַפטען אין ביכער, די ביכער אָבער זיינען אונטער אַזאַ שטאַרקען סוד געלעגען ווי דער כּתב זייערער, און דאָס פאָלק האָט פון זיי אַזוי פיעל קלוג און געלערנט געקאָנט ווערן, ווי רייך עס איז געוואָרן פון אַללע מיליאָנען גאָלד און זילבער, וואָס עגיפּטען האָט יאָהרליך אַריינגענומען און זיי אין פּרעה'ס אוֹצָר אונטער פעסטע שלאָסער בעהאַלטען.

ניט צו בערעכענען איז די עגיפּטישע רייכקייט פון יענע צייטען און ניט אָבצושאַטצען די אוֹצָרוֹת וויסענשאַפט פון יענע געלעהרטע און פּריסטער, ביי אַללעם דעם איז דאָס עגיפּטיש פאָלק אי אָרעם אי אונוויסענד געוועזן, און נור דערפאַר, וויל אי די רייכקייט אי די וויסענשאַפט זיינען אונטער פעסטע שלאָסער געלעגען און דאָס פאָלק האָט צו זיי ניט געקאָנט צוקומען, און מען האָט צו זיי אויך ניט צוגעלאָזען. פּרעה האָט פּאַלאַסטען געבויט, פּיראַמידען אויפגעשטעלט, וועהרנד דאָס איינפאַך פאָלק האָט קיין דאַך און קיין ברויט ניט געהאַט, די פּריסטער האָבען פון איין איינציגען גאָט געוואוסט און פון פערשידענע געהיימע נאַטור קראַפטען פערשטאַנען,

געהרנר דער הָמון איז פֿערזונקען געװעזן אין אַ גלױבען אין הינדט, קאַטץ, אָקסען און אַללערלײ רוחות, און האָט אין יעדער נאַטירליכער ערשײנונג אַ גוטען, אָדער אַ בײזען גאָטט געדיענט. רײכקײט און בילדונג פֿון אַ פֿאָלק בעשטעהען ניט אין דער מענגע גאָלד און װיסענשאַפֿט, נור אין דער מענגע מענשען, װאָס האָבען נוטצען פֿון דעם גאָלד און פֿון דער װיסענשאַפֿט, דאַריבער קאָנן מען זאָגען, אַז בײ אַלל דער רײכקײט פֿונ׳ם קאָניג, און בײ אַלל דער געלערנטקײט פֿון די פּריסטער, איז דאָס עגיפּטישע פֿאָלק אָרעם און אונװיסענד געװעזן און האָט דערפֿאַר ניט געקאָנט בעשטעהן געגען פּערזישען פֿאָלק, װאָס איז חאָטש פֿיעל יונגער געװעזן, אָבער ניט אַזױ געדריקט און אונװיסענד װי דאָס געמײנע עגיפּטיש פֿאָלק.